STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04901

IN VOS BASHTEYT DOS GLIK FUN UNZER IDISHEN FOLK

Eliyahu Hutner

*Permanent preservation of this book was made possible
by Michael Kaminer
in memory of
his beloved grandmother, Fania Cholewa*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין וואס
באשטייט דאס גליק
פון
אונזער אידישען פאלק

ארויסגעגעבען פון

אליהו ב"ר שמריהו זצ"ל הוטנער

נכד הרב הגאון הצדיק ר' יצחק זצ"ל
ציוני, בעל המחבר „עולת־יצחק", אשר
היה רב אב"ד ארבעים ושתים שנה
— בעיר רעזיצא, פלך ויטעבסק —

מאנטרעאל, קאנאדא

שנת תרצ"א

נאָכדרוק שטרענג פארבאַטען

— אינהאלט —

א. אין וואָס באַשטייט דאָס גליק פון אונזער אידישען פאָלק.

ב. ציון — רבי יהודא הלוי

ג. מענשען פריינטליכקייט אין תורה און תלמוד

ד. דער הענדלער

ה. יוגענדס עראינערונגען (פּאָגראָם צייט)

ו. דרוש חיבת הקדש

ז. דרוש לתשעה באב

ח. היד ד' תקצר

ט. המלך והמרבד

י. הדיג הזהב

יא. גלגל החוזר בעולם

אין וואס באשטייט דאס גליק פון אונזער אידישען פאלק

עס זיינען דא אויף דער וועלט גרויסע מענשען, וועלכע באשאפען גרויסקייט, אייביגקייט, צו דעם צאָל באלאנגען: נאטור פאָרשער, ערפינדער, בעמיקער, רייזענדער, פּראָפעסאָרען, מעדיקער, מאהלער, גבורים, שריפטשטעלער, דיכטער דענקער, פּאַטריאָטען און ז. וו.

דער חשק צו דערגייען די סודות פון נאטור איז בא די נאטור־פּאָרשער שטארקער פון זייער לעבען. ווארום זיי זיינען זיך מוסר נפש ארויסצוגראָבען די באהאלטענע סודות פון'ם אמאָל, וואָס ליגען באגראָבען פארשאָטען פון טויזענטער יאָהרען צוריק.

דער ערפינדער פון עראָפּלאנען פארפערטיגט ריזיגע לופט מאשינען מיט וועלכע ער וויל באזיגען די ווילדע נאַטור פון לופטען און שטעלט איין אין סכנה זיין לעבען.

דער בעמיקער פראקטיצירט אין לאבאָראטאָריע זיין גאנצען לעבען צו ערפינדען א צוזאמענשטעלונג — א זאמלונג פון יסודות און שטאָפען מיט וועלכע צו קורירען קראנקע, אָדער צו טויטען פיינט אין צייט פון א מלחמה.

דער רייזענדער שטעלט איין זיין לעבען אין געפאר וואנדערענדיג אין די ווילדערניש פון געדיכטע וועלדער און הויכע בערג, כדי אויסצופאָרשען דעם לעבען פון אלערליי חיות און ווילדע שבטים און איבערגעבען אלעם צו דער ברייטער וועלט.

פּראָפעסאָרען — מעדיקער שטודירען זייער גאנצען לעבען ווי צו באקעמפען אלע קראנקהייטען און צו ראטעווען די מענשהייט פון קאנסער וואָס רויבט אוועק פילע מענשליכע לעבענס, אסך מעהר ווי אין א מלחמה.

גבורים ערמוטיגען סאָלדאטען אין צייט פון מלחמה און געהען דורך אין פייער און אין פלאם פאר זייער אידעאל; דער עקסטאז טרייבט זיי און אין געדאנק פאלט זיי ניט איין אז זיי קענען געטויטעט ווערען.

מאהלער ארבייטען שווער זיך צו פארפאָלקאָמען אין דער קונסט צו שאפען בילדער, זיי גיבען אָפּ זייער גאנצען לעבען און ווערען אָפּט מאָל בלינד מאָהלענדיג זייערע בילדער — אזוי שטארק איז זייער חשק צו קונסט.

שריפטשטעלער, דיכטער באשרייבען די נאַטור, געברויכענדיג די איידעלסטע ווערטער, און דרוקען, וואָס ריהרען די טיפעניש פון דער מענשליכער נשמה. זיי שעפען זייערע טעמעס פון'ם „לעבען" און אין זייערע פּאָעמען שפּיגעלט זיך אָפּ די נשמה פון דעם מענשען... א געהיימע קראפט טרייבט זיי צו שאפען און שאפען — ניט ערוואַרטענדיג אפילו קיין מאטעריעלע באלוינונג.

דאָס זיינען אַלע מענשען וואָס שאַפען זיך א אייביגען נאָמען אין היסטאָריע, אָבער די נאַטור איז שטאַרקער פון זיי, און זייער וויסענשאַפט אנטקעגען דער נאַטור איז זייער שטאַרקייט ווי אַ טראָפען אין ים.

צו די אַלע געלערענטע געהערען אויך פילע מענשען דענקער און פאַטריאָטען וואָס זיי זיינען געזאָגנען פון נאַטור צו שאַפען גליק פאַר זייער פאָלק און קענען זיך בשום אופן ניט בארוהיגען, ניט קוקענדיק דערויף וואָס זיי האָבען אויסגעשעפט זייער גאַנצע ענערגיע פאַרן גליק פון זייער פאָלק.

אונזער אידישער פאָלק איז שטענדיג געווען רייכער מיט אזעלכע קעמפער־פאַט־ריאָטען, מעהר ווי די אַלע אנדערע אמות העולם·

אין דער לעצטער צייט אין יאָהר 1872 נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָט זיך באוויזען אויף דער פאָלקס ארענא דער ריכטיקער אידעאַליסט דאָקטאָר פינסקער. וועלכער האָט אָנגעצייכענט דעם „שביל הזהב” פארן אידישען פאָלק אין זיין דייטשי־שער בראָשורע אונטערן נאָמען: „אוטאָעמאַנציפּאַציאָן” און מיט זיין ווערק האָט ער פאַרענטפערט די אידישע פראַגע אז דאָס אידישע פאָלק קען גערעטעט ווערען נאָר דאַן ווען ער וועט זיך באַזעצען אין איין פלאַץ. (ער האָט נאָכדעם ערקלערט אז דערמיט מיינט ער ארץ ישראל). ער האָט מיט זיין בראָשורע אויפגעטרייסעלט, אויפ־געוועקט דעם שלעפעריגען און טרוימערישען פאָלק ישראל און איהם אויפגעוויזען אז מיט שלאָפען , טרוימען, וואַרטען און האָפען וועט ער גאָרנישט מאַכען. ער הייסט ארויסגיין דעם אידען פון זיין געהטאָ, באפרייען זיך זעלבסט, פאָרען און באזעצען זיך אין איין לאַנד און ניט וואַרטען אויף פרעמדער הילף.

צו איהם זיינען צוגעשטאַנען די בעסטע שרייבער, אידעאַליסטען פון יענער צייט: סמאָלענסקי, לאַנדא, לילענבלום א. ז. וו. ביז עס האָט זיך געגרינדעט אַן אגודת חובבי ציון, און פינסקער איז געווען דער פרעזידענט פון „חובבי ציון” ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען. פינסקער איז געווען א קאַבינעט מענש, אָבער ניט קיין אָרגאַ־ניזאַטאָר, ער האָט ניט געקענט פאַרווירקליכען אין מעשים זיינען אויסגעקלעהרטע אידעאַלען.

פינסקער אידעאַל און ציל האָט שוין אויפגעכאַפּט דר׳ הערצל, וועלכער האָט שוין יאָ געהאַט די אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט. דר׳ הערצל שטעלט אונז פאָר א בילד אין „מדינת היהודים” ברייטער ווי דר׳ פינסקער, ער שילדערט אונז דעם גליק פון אידישען פאָלק מיט שיינע קאָלירען· — אין „מדינת היהודים” האָט ער אויסגע־ארבייט זיין פּראָגראַם ווי אזוי די אידען פון אַלע לענדער זאָלען זיך קאָנען פאַראיי־ניגען און באקומען אַ פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט אין פאַלעסטינא.

דר׳ הערצל איז געווען באגאבט פון גאָט מיט שיינקייט און מיט ריזיג גרויסע פעהיגקייטען, ער איז געווען שריפטשטעלער, רעדנער און טאַלאַנטפולער אָרגאַניזאַטאָר אין זיין בראָשורע „מדינת היהודים” האָט ער אויסגעהאַרבעט זיין פּראָגראַם ווי אזוי די אידען פון אַלע לענדער קאָנען זיך פאַראייניגען און באקומען א פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיגקייט אין פאַלעסטינא. ער האָט ניט נור געשריבען, נור אויך צונויפגערופען די אידען און זיי ערקלעהרט דעם פּלאַן און זיי אויפגעפאָדערט צו העלפען מיטווירקען מיט אגיטאַציאָנס ארבייט, כדי ארויסרופען ביים אידישען פאָלק דאָס נאַציאָנאַלע

געפיל.

און דער אידעאל פון דר׳ פינסקער און דר׳ הערצל האָט זיך צופלאַקערט, און דער ציוניזם האָט פיל אויפגעטאָן, ער האָט זייער פיעל בייגעטראָגען צו דער קאָלאָניזאציע פון אידען אין פאַלעסטינע און צו דער ענטוויקלונג פון אגריקולטור און אינדוסטריע אין פאַלעסטינא. עס האָט אויך אויפגעוועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל פון דעם אידישען פאָלק אין אלע לענדער וואו זיי געפינען זיך, און מיט דער צייט איז דר׳ הערצל׳ס אידעאל כמעט מקוים געוואָרען, איינגלאַנד האָט געגעבען אידען אין ארץ ישראל א „באלפור דעקלאראציע״ נור דאָס אידישע פאָלק אלס א גאנץ האָט ניט באַגריפען דאָס גליק און מען האָט דאָס ניט אויסגענוצט ווי מען דאַרף. אונזערע אידען זיינען געוועזן צו גרויסע בטלנים און ניט יוצא געווען פאַר דער אידישער היסטאָריע — מיט דעם אידישען פאָלק איז אויסגעקומען ווי מיט דער געשיכטע וואָס מען דערציילט:—

אמאָל אין רוסלאנד אין די קליינע פארוואָרפענע שטעטלאך פלעגען די מענער גאָר ווינציג טאָן אין געשעפט, די גאנצע ארבייט פלעגט ליגען אויף דער פרוי, זי פלעגט זיין דער מפרנס און ער — דער בטלן; איינמאָל, א פרוי מיטן נאָמען שרה וואָס פלעגט איהר לעבענס מיטעל ציהען פון בייגעל באקען, זאָגט צו איהר מאן שמואל׳יק — מאָרגען מוזסטו מיר העלפען פארקויפען די בייגעל, ווארום עס זיינען אָנגעקומען נעכטען אָוועגט קאָזאקען — אודאי וועל איך דיר העלפען פארקויפען די בייגעל, און דערפאר וועל איך טאקע דאוונען ותיקים...

אין דער פריה האָט די פרוי שרה ארויסגענומען די הייסע בייגעל פון אויווען, אָנגעלאדען דעם מאן מיט צוויי גרויסע קערב: שמואל׳יק האָט פארקאַמט די באָרד, ארומגעבונדען די גרויסע זופּיצע מיט א גארטעל, גענומען די צוויי קערב בייגעל און אוועק צו די קאָזאקען פארקויפען; גלייך ווי די קאָזאקען האָבען דערזעהן דעם פארשוין, האָבען זיי ארויסגעשאָסען א געלעכטער און זיך אלאָז געטאָן צו די בייגעל און צעכאפּט, ניט באצאָהלענדיג דערפאר. שמואל׳יק איז געקומען אהיים אפארסאפּעטער און זאָגט צו זיין פרוי:

— שרה, איך חלש עסען!

— געה וואַש זיך, עס איז אלעס געגרייט צום טיש.

שמואל׳יק האָט זיך געוואשען און געמאכט א מוציא, זאָגט זיין שרה צו איהם:

— דו האָסט עפּעס צו שנעל פארקויפט די בייגעל, וואו איז די געלט?

— וואָס פאר א געלט?—זאָגט ער — זיי האָבען די בייגעל צעכאַפּט אָהן געלט..

— איצט, זעה איך, שמואל׳יק, — זאָגט שרה — אז דו ביזט דער ריכטיגער בטלן: מילא צעכאפּט — דערויף זיינען זיי דאָך קאָזאקען... ווארום ביזטו געקומען א הונגעריקער? אלע האָבען געכאפּט, האָסטו דאָך אויך געקענט כאפּען!...

דער גלייכוווערטעל פּאסט זיך איצט צו דער טעמע.

אונזער פאָלק טראכט שוין פילע צייטען וועגען שיבת ציון — דאָס איז דער גליק פון אונזער פאָלק — און ווען דער גליק איז בא אונזער פאָלק אין האנט באמערקט ער ניט אויסצופירען די זאך און גראָד אין דעם ריכטיגען מאָמענט בלייבט דאָס פאָלק פארצווייפעלט, אומבאוועגט און דאָס אידישע פאָלק דוכט זיך אויס אז

עס איז נאָך ניט געקומען די ריכטיגע צייט פון דער גאולה; „דער איד יאָגט זיך נאָך די בלויע פויגעל און אז ער האלט איהר אין האנט דוכט זיך איהם אויס אז דאָס איז ניט די פויגעל, יענע איז געווען מיט אנדערע קאָלירען, מיט גאָלדענע פליגעלעך... א מאינס — אזוי ווי א מאן זיצט אף א בארג; וואו עס ליגט באגראָבען גאָלד, און ער ברויכט כשוף וואו געפינט זיך א אוצר. בעת אין דער גרויסער וועלט מלחמה האָבען אלע מלוכות געציטערט זיי זאָלען ניט אראָפּ פון דער וועלט בינע; און איט־ליכע מלוכה האָט געזען צוציהען די סימפּאטיע פון אנדערע שוואכערע פעלקער כדי זיך מעהר צו באפעסטיגען. די שוואכערע קלאסען האָבען זיך איינגעזעהן אז איצט איז געקומען די צייט ארויסצוכאפּען פון די שטארקערע, מיט איין וואָרט אלע האָבען געכאפּט: אין רוסלאנד האָט דער פויער געכאפּט ביים גוטס באזיצער, די שנאה פון פארשקלאפונג האָט זיך צעפלאקערט אין דעם הארץ פון פויער צום גוטס באזיצער און דער פויער האָט פארניכטעט אלעס, אזוי ווי א קראטער וואָס רייסט אויף און ווי אן אורגאן וואָס גייט דורך. דער גוט־באזיצער האָט אלעס פארלאָזען שנעל און קוים מיטן לעבען זיך געראטעוועט... מען האָט געכאפּט, און אין פוילען האָבען די פּאָליא־קען אויך אריינגעכאפּט אן אווטאָנאָמיע דורך דער הילף פון די דייטשען... מיט איין וואָרט, אלע שוואכע פעלקער האָבען געכאפּט, האָבען מיר אידען אויך באדארפט כאפּען און עס איז געווען דאן וואָס צו כאפּען, א צופאל וואָס טרעפט איין מאָל אין א יובל, איינגלאנד האָט אונז געגעבען אין ארץ ישראל א „באלפור דעקלאראציע", נור מיר אידען „אתה בחרתניקעס" זיינען געווען צו גרויסע בטלנים און ניט יוצא געווען פאר דער אידישער היסטאָריע.

מיר האָבען באדארפט אויפשטיין ווי א ליב און אראָפּווארפען פון זיך די שווערע גלות־קייטען פון קנעכטשאפט, מיר האָבען באדארפט שטראָמען מאסענווייז אין ארץ ישראל כדי מיר זאָלען זיין די מערהייט און דאן וואָלטען מיר אויספירען און מיר וואָלטען זיגען — און אז מיר וואָלטען זיין א גרויסער קבוץ, וואָלטען די אראבער ניט וואגען אויפצוהויבען אויף אונז א האנט און צו קיינע עקסצעסען וואָלט ניט גע־קומען, מיט איין וואָרט, בעת אלע אמות העולם האָבען געכאפּט, האָבען מיר אויך באדארפט כאפּען... שוואך איז געווען דער אָפּרוף פון אונזער פאָלק אויף דער באל־פור דעקלאראציע, דער גייסט פון פאָלק איז געווען שוואך, אין דעם שיבת־ציון צום בעדויערען צאנקט מער נישט ווי א פייערעל און די אש, און ניט קיין העלער פייער, און ער שלעפּט זיך דער עני ורוכב על החמור... אָבער ניט מיט ריזען טריט.

און דאָס הארץ ווערט פארגאָסען מיט בלוט דערמאָנענדיק זיך דעם פעלער וואָס מיר זיינען באגאנגען, און מיר שטייען איצט ווייטער נאָכן „ווייסען־פּאפּיר" על פרשת דרכים, און טרוימען און טראכטען אין וואָס באשטייט דער גליק פון אונזער פאָלק, אין דער צייט ווען דעם גליק האָבען מיר ארויסגעלאָזען.

אונזערע עלטערען האָבען געוואוסט ווי אויסצונוצען די כרש מלח פּרס דעקלא־ראציע: מאסענווייז האָבען זיי געשטראָמט אין זייער הייליג לאנד ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די רייכע זיינען ניט געגאנגען. אין גאנצען זיינען ארויס דאמאָלט פון בבל 42,300 אידען, גרעסטער טייל פון שבט יהודה און בנימין. מיט שמחה האָבען די „אבלי־ציון" אָפּגעווישט די טרערען פון די אויגען און אזוי ווי די אדלערס זיינען זיי

געפלויגען צו דער אלטער היים, און מיט דער צייט האָט זיך שיבת־ציון געמערהט, וואָס ווייטער און ווייטער איז דער קבוץ געוואָרען גרעסער, און די גלות־אידען האָבען זיך גענומען פארזאמלען צו דער מוטער ציון און עס איז געוואָרען ממלכת־ישראל.

פילע יאָהרען זיינען מיר געזעסען אין ארץ ישראל, איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו· אונזער אידישער כח איז ניט באשטאנען אין דער שווערד צו פארגיסען בלוט און ברייט מאכען אונזער טעריטאָריע. מיר זיינען געווען א פאָלק איין עם־הספר, אונזער לערע איז באשטאנען אין גאָטס וואָרט. ווען אלע אמות העולם האָבען געזען פארכאפען מיטן שווערד און ביקס האָט אונזער פאָלק דאן געלערענט דער וועלט מענשליכקייט: „איזה גבור הכובש את יצרו״ — דער וואָ סאיז קערפערליך שטארק רופט זיך ניט גבור, נור דער וואָס קען זיך איינהאלטען ניט צו טאָן דעם צווייטען קיין שלעכטס, בעת דער שלעכטער אינסטינקט רעט איהם איין צו שלעכט, דער איז א גבור.

אזוי ווי חז״ל דערציילען וועגען אלכסנדר מוקדן דער תלמיד פון באוווסטען פילאָזאָף אריסטו, וועלכער האָט זיך פאראינטערעסירט מיט די אידישע הויכע קול־טור און פילאָזאָפיע, האָט אָפט דעבאטירט מיט אונזערע געלערנטע חכמים, האָט ער זיי געפרעגט: „איזה גבור״? (ווארום ער איז געווען א גרויסער גבור, בעת ער איז נאָך געווען א יונגער בחור׳ל האָט איהם זיין פאָטער געבראכט א ווילדען פערד מיטן נאָמען „בוצעפאלא״ אלע האָבען מורא געהאט זיך צו זעצען אויף איהם נור ער איינער האָט געקענט באהערשען דעם פערד, ער האָט זיך געטראָגען אויף איהם אין אלע מלחמות ווי א בליץ) — די כחמים האָבען איהם געענטפערט: איזה גבור הכובש את יצרו. פרעגט נאָך אלכסנדר מוקדן: — איזה עשיר? (ער האָט ערוואָרבען אוצרות גאָלד פון פאָטער) — איזה עשיר, השמח בחלקו, דער איז רייך, ווער עס איז צופרידען מיט וואָס ער פארמאָגט, האָבען איהם געענטפערט די כחמים, אזא מענש האָט הנאה פון זיין לעבען, ווארום די אויג פון א מענשען איז זייער גרויס און וויפיל גאָלד א מענש זאָל נישט האָבען דוכט זיך איהם אלץ אז ער האָט ווייניק. אזוי איז די נאטור פון דעם מענשען, ער וויל פאנגען די חיה־קאפיטאל, נור די חיה פאנגט איהם, די בעסטע יאָהרען גייען אוועק יאָגענדיג זיך נאָכן קאפיטאל, וועלכען ער קריגט ניט און ווען ער קריגט, שטעלט דאָס איהם ניט צופרידען, און ער פארלירט די כחות, ווערט אלט, גרוי פאר דער צייט און די חיה־קאפיטאל פאנגט איהם.

פרעגט ווייטער דער קינג אונזערע חכמים: איזה חכם? — ווער רעכענט זיך פאר א קלוגען? — חכם הרואה את הנולד — א קלוגער איז דער וואָס באטראכט זיך און קוקט זיך צו מיט א קלוג אויג פריער וואָס קען דערפון ארויסקומען להבא.

אין די פערעלדיקע ווערטער וואָס די חכמים האָבען געענטפערט אלכסנדר מוקדן זעהען מיר אויך דעם גליק פון אונזער אידישען פאָלק.

דאָס אידישע פאָלק איז אן עם הספר פון טויזענטער יאָהרען. האָט א גרויסע קולטור, א ברייטע גאָלדענע קייט פון גאונים און נביאים, גרויסע פאָעטען: רבי יהודה הלוי, רבי אברהם אבן־עזרא, שלמה בן גבירל וכ׳ גרויסע פילאָזאָפען, דיכטער און שרייבער ווי ידידיה האלכסנדרני אָדער ווי זיי רופען איהם פילאָן היהודי, בן מיימון און דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבען גרויסע פאָליטישע עקאָנאָמען און פינאנסירען אברבנל לוצאטא; די סנהדרין האָבען געמוזט קענען אלע שפראכען. פון ר׳ יהושע בן

חנאניא האָבען אַלע אידען געווים געהערט, אז ער האָט מנצח געווען די חכמי יון, נאָר ווי לאַנג די וועלט וועט שטעהן וועלען געווים ניט זיין אזעלכע חכמים.

שמואל ירחינאי, דער הייליגער תנא וואָס האָט קורירט רבינו הקדוש (היי"ש בבא מציעה פ"ו) א גרויסער פּראָפעסאָר, און ער האָט געזאָגט: איך בין קלאָהר אין די שטעגעלאך פון הימעל, דאָס הייסט די פּלאַנעטען, די ליינג און די ברייט און גרויס פּונקט ווי איך קען די שטעגעלאך פון מיין שטעדטעל נהרדעא. (עיי"ש ברכות נ"ס) און געווים זיינען אזוי געווען אלע תנאים און אמוראים.

זאָלען מיר באטראכטען פון אסך וויטער, אָנפאנגען פון רבנו סעדיא גאון, ער איז געווען א חוקר און פילאָזאָף, ווען ער איז אנטלאָפען פון דער היים, אין צייט פון 7 יאָהר האָט ער געמאכט א גרויסען חבור „על טומאה וטהרה", אויך א „פירוש על התורה", אין ספר „אמונות ודעות", פול מיט חכמה פילוסופית. רבינו חננאל, מחבר ספר המקצעות וספר חפץ, איז געווען א חוקר נפלא, רבינו „משה בן מימון, רמב"ם, דאָקטאָר נפלא, פילאָסאָף, בעל המחבר, „מורה נבוכים", און זיין „יד החזקה" און איז געווען א דאָקטאָר אין סולטאַנ'ס הויף.

הרב ר' אברהם בן דוד, דער ראב"ד, החכם מחוכם חוקר, משפחה אבן תבון, ר' משה ור' יהודא ו ר"שמואל און אבי עד שר שלום הגאון „ר' ישראל רופא מקאנדיא, האָט מחבר געווען אסך טיפזינעדיגע ספרים, ספרי קבלה ופילוסופיא ורפואה און איז געווען א חכם בתורה בפלפול — הש"ם ופוסקים, ודרשון נפלא, החכם ר' עזריה, בעל מחבר „עשרה מאמרות" וההכם ר' מנשה בן ישראל, מושלם בכל החכמות, און ר' יהודא מרגלית אב"ד פראנקפורט מחבר ספר „טל אורות"; פילוסוף גדול החכם ר' יהודה הלוי מחבר ספר הכוזרי, החכם ר' יוסף אלבו, בעל העקרים, החכם ר' בחיי הספרדי, בעל חובת הלבבות, ור' יצחק עראמה, בעל עקידה.

אָט די אלע חכמים וואָס איך האָב אויסגערעכענט זיינען א טפה בים אנטקעגען דער גרויסער צאָהל חכמים און פילאָזאָפען וואָס אונזער פאָלק האָט ארויסגעגעבען אין די ברייטע גלות-לענדער, אָט אזא פאָלק קען שאפען גרויסעס און באשאפען גרויסקייט און אייבינקייט.

און דאָס גרויסע אידישע פאָלק, וואָס האָט איינמאָל פארלאָרען די לאַנד און צום צווייטען מאָהל וויטער געבויט און פארלאָרען — וואָס קיין אומה ולשון האָט דאָס ניט געקענט באווייזען, למשל: אשיר, בבל גריכען רימלאנער — האָפען מיר, אידען, אז דאָס פאָלק וועט צום דריטען מאָהל אויפבויען אויף אייביג דאָס לאַנד.

און דער באָדען פון ארץ ישראלמוז ווערען דאָס אייגענטהום פון אידישען פאָלק ניט געקוקט אויף קיינע צייטווייליגע שטערונגען און שוועריגקייטען, די רעגירונג דערקלערט איצט אז זי דענקט ניט אָפצושטעלען די לאַנד קניות, אז מען האָט זי אין דעם פּרט ניט ריכטיג פארשטאנען: מיר מוזען זיך האלטען גרייט צו מאכען א קניה אזוי שנעל ווי די ערשטע מעגלאכקייט באווייזט זיך, און אין דעם וועט באַ-שטיין דער גליק פון אונזער פאָלק.

און אין ארץ הקדושה אשר „חיי נשמות אויר ארצך" וועט אונזער פאָלק אין ציון קענען ציען די ברייטע גאָלדענע קייט — קולטור פון דורות.

דער גליק פון אונזער פאָלק, באשטייט אויך דער עיקר אין ערד ארבייט אפילו

אין די גלות לענדער. דאָס פאָלק מוז ווערען אויס ווינט־פאָלק, וואָס דער פינסטערער גלות האָט איהם געמאכט. מיר מוזען האָבען ריכטיגע קלאסען מענשען, ווי אלע אנדערע פאלקער, אידען מוזען זעהן מיט אלע מעגלאכקייטען נעמען זיך פארן אקער, באארבעטען די ערד און ארויסגעבען א געזונטע, פיזיש אי גייסטיג אידישע אינטע־ליגענטע פויערים — וועלכע זאָלען ברייינגען מיט זיך די פרישקייט פון פעלד, די נאטירליכקייט פון דער נאטור אליין. אין די שטאטען איז דאָ פילע פארמס וואָס ווערען קולטיווירט. מיט אלע מעגליכקייטען האָט מען באדארפט באזעצען אידען אויף די פארמס אין די פאראייניגטע שטאטען, נאָך בעסער וואָלט זיין ארום ניו יאָרק, וואו עס געפינען זיך ב"ה א צוויי מיליאָן אידען. דאן וואָלטען זיי זיך איינ־אָרדענען אויף א געזונטען עקאָנאָמישען באזיס, און זיי וועלען שאפען אידישע קולטור אין אידיש און העברעאיש.

דער גליק פון אונזער פאָלק באשטייט אויך אין חנוך־הבנים. מיר דארפען אָנ־ווענדען אלע אונזערע כחות מחנך זיין אונזערע קינדער, די אויגען פון אונזער קאָפּ, על ברכי התורה והיראה.

און ווען מיר עלטערען זאָהלען אַליין ניט אָפּהיטען שבת, יום־טוב, כשרות, טהרת המשפחה, דאן וואָס פאר קינדער קענען מיר האָבען?

דער קינד טוט נאָך אלעס וואָס דער גרויסער מענש טוט. די עלטערען זיינען בא איהם דער סימבאָל פון יושר וצדק און דער קינד מיט זיין נשמה'לע פילט די ליבע פון זיינע עלטערען. — ער טוט אלעס נאָך וואָס דער טאַטע מיט דער מאמען טוען. פון דער היים טראָגט ער ארוים מדות טובות אסך מער ווי פון די סקולס און חדרים. די הויז פון זיינע עלטערען איז דער קוואַל פון זיינע זיטען, בישנות וצניעות אויף זיין גאנצען לעבען.

און ווען דער קינד זעט אז די עלטערען היטען אָפּ: כשרות, שבת, געבען צדקה גמלות חסדים, נעמען אויף אן אורח; זיינען מקיים אין פולען זין פון וואָרט הכנסת אורחים ובקור חולים והכנסת כלה — בלייבט דאָס אלעס פארפלאנצט אין הערצעל פון יונגען דור, און מיט דער צייט וואקסט דאָס אויס א גוטער איד, א ריכטיגער נאציאָנאליסט, אָט אין דאָס אלעס באשטייט דער גליק פון אונזער אידישען פאָלק אויף אייביג.

צ י ו ן

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון, ווי זיי, צוזייהטע און צעשפרייטע, בענקען?

ווילסטו אויך, ווי זיי דיר, א ליעבען גרוס באקומען?

דאָ האָסטו איהם: א גרוס פון נאָהענטע און פון ווייטע!

אין הארצען דורות־לאנג געווארעמט, טראָגט איהם פון אלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות, צו דיר אין שוים אן עלענד קינד דיינס, איינער פון די, וואָס

זאפּען אָן, ווי טהוי דיין חרמון, די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערען און שטארבען אין דער פרעמד פארליעבטע און פארבענקטע.

מיך ציהט צו דיר!..

ביי נאכט אויף דיינע חורבות — בין איך דיין נאכט־אוילע, דיין יאָמער־ליד, און חלום׳ט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען — ווער איך דיין נאכטיגאל, דיין קלינגענדיגע הארפע...

מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ גערט אוים נאָך יענע ערטער, וואו די אבות האָבען זיך באגעגענט מיט מלאכים, און וואו די שכינה האָט גערוהט, וואו דיין באַשעפער האָט דיינע טויערען די הייליגע געעפענט אנטקעגען זיינע הימלישע שערים...

וואו ניט די זון און ניט לבנה, שטערען — גאָט׳ס עהרע זעלבסט האָט דיך באַשיינט מיט גלאַנץ.. איך גאר, אז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעלע דאָרטען, וואו ס׳פלעגט אמאָל גאָט׳ס גייסט און גאָט׳ס גענאָד זיך גיסען אויף דיינע אויסדערוויילטע, מוטער ציון!

וואו נעמט מען פליגלען?!... שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ ווייט, ווייט אין דיינע וויסטע בערג פארטראָגען.

כ׳וואָלט צוגעפאלען צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעס שטיינדעלע באזונדער און אומגעוואנדערט וואָלט איך טאָג און נאכט א נאַקעטער, א באָרוועסער אויף דיינע חורבות, כ׳וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאָסטען אלע קברים, מיט דיין נשמה־לופט זיך אָנגעאָטעמט, זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב און ביז צום בלינד וועדען באוויינט דיין חורבן, ציון...

צו קאָן דער שיין פאר מיינע אויגען זיס זיין — אז שווארצע ראָבען פיקען דיינע אָדלערים! צו קאָן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן — ווי גאסן־הינט שלעפען דיינע טויטע לייבען...

נענוג, לאָז אָפּ א ווייל׳ע, כוס פון טרויער!

מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פארביטערט, כ׳האָב איינגעזאפּט אין זיך דיין שוים פון דיינע הויוען.. גענוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטארבען...

כ׳וויל זעהן, אָ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט, נאָר איין שטראַל פון יענעם מאָרגענשטערען וואס דארף, וואס מוז, אמאָל נאָך העל און ליכטיג זיך אָנצינדען אויף ציון׳ס בלויען הימעל, באַנייען און באפרישען זי מיט יוגענד...

גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך און אויסגעהן מיט א שמייכעל אויף די ליפּען...

(רבי יהודה הלוי, נ. ב.)

מענשען־פריינטליכקייט אין תורה און תלמוד

בעת דער אידישער הימעל האָט זיך בארעקט מיט שווארצע וואָלקענס און דאָס אידישע שיפעלע האָט זיך געטראָגען אויפ׳ן ים־החיים פון קנאה, שנאה און האס פון די מצרים צו דעם אידישען פאָלק, דאן האָט ארויפגעשיינט א ליכטיקער שטערען

אויפ'ן אידישען גאַרריזאָנט, דאָס איז געווען אבי הנביאים — משה רבנו.

ער האָט געזעהן אז דאָס אידישע פאָלק איז פארשקלאַפט און אָנגעוואָרען דעם האָפענונג צו ווערען א פריי פאָלק מקוצר רוח ומעבודה קשה, האָט ער אָנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטען צו פּראָפּאגאנדירען און אויפוועקען אין זיי דעם געפיל פון מענש צו זיך זעלבסט: אויפווייזען זיי אז דער כח איז אין דער מאסע און ניט אין א הייפעל מענשען בורגנים ווי פרעה מיט זיינען שרים וואָס לעבען א גוטען טאָג פון זייער בלוט און שוויים.

דער גרויסער געטליכער מאַן אי, נאָמען פון גאָט, האָט מיט זיינע פלאַמענדיקע רייד די הערצער געוועקט... ער האָט אָרגאניזירט די עבדים, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאָהנען ביי פרעה'ן מער רעכט, פרעה מיט זיינע שרים זיינען געווען גענויגט זיי נאָכצוגעבען און ביסלאכווייז האָבען די אידען זיך אָרגאניזירט וואָס שטארקער, וחמשים עלו בני ישראל ממצרים, און אראָפּ געוואָרפען פון זיך די שווערע קלות־קייטען, און געוואָרען א פריי פאָלק, יצאו מעבדות לחרות.

משה האָט געגעבען דעם פאָלק דורך גאָט א תורה, די תורה האָט מורא אז מען זאָל ניט עקספּלואטירן דעם צווייטען, למשל: עס איז דאָ א ערד־ארבעטער, אקערבויער א געזונטער און אויך זיין גאנצע פאמיליע, דער צווייטער א שוואכערער, א שלאַפער מאַן, זיין פרוי איז א קראַנקע און זיי האָבען ניט קיין קינדער און ער פארקויפט אַ שטיק לאנד צו זיין רייכען שכן, ער ווערט אָרימער און מוז זיך זעלבסט פארשקלאַפען און עס בילדעט זיך אוים די צוויי קלאסען — רייכע און אָרימע: בורזשואַ און פּראָלעטאריער.

אָבער אונזער תורה האָט דאָס פארהיט מיט דעם „יובל".

„וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור בארץ לכל יושביה, יובל הוא תהיה לכם ושבתם איש אל אחזתו ואיש אל משפחתו תשובו!" (ויקרא כה בהר).

„און איהר זאָלט הייליגען דעם פופציגסטען יאָהר און אויסרופען פרייהייט אינ'ם לאנד פאר אלע איינוואוינער, יובל זאָל דאָס זיין ביי אייך — איהר זאָלט צוריק קומען יעדער צו זיין אייגענטהום און יעדער זאָל צוריק קומען צו זיין פאמיליע!"

„והארץ לא תמכור לצמיתות, כי לי הארץ". — און דאָס לאנד זאָל ניט פאר־קויפט ווערען אויף אייביג, ווייל דאָס לאנד איז מיין אייגענטהום, און אויף דעם פסוק קען מען באשטימען די הויפט פראגע.

דאָס לאנד איז גאָט'ס, טאָר זי ניט און קען ניט באלאנגען צו איינצעלנע מענשען צו איינציגע מיליאָרדערען — זי קען באלאנגען צום פאָלק און די ערד קען צוטיילט ווערען נאָך דער צאָהל נפשות פון איטלאכער משפחה, וואָס באארבייטען איהר.

דער נבי ־ הנביאים האָט ניט געוואָלט אז דאָס פאָלק זאָל ווערען עקספּלואטירט און געדרוקט פון א הערשער, שמואל הנביא און אלע נביאים האָבען מורא געהאט אז דאָס פאָלק זאָל זיך ניט אונטערוואַרפען דעם ווילען פון א יחיד.

און ווען דאָס פאָלק איז געקומען צו שמואל'ן און געבעטען בא איהם א מלך, איז דאָס איהם אויסגעקומען ניט גלאַט, אז פלוצים זאָל זיך א פאָלק, וואָס איז געוואוינט זיך פירען פריי, אונטערוואַרפען דעם ווילען פון א יחיד.

ויתקבצו כל זקני זקני ישראל ויבואו אל שמואל הרמתה: ויאמרו אליו הנה אתה

זקנת ובניך לא הלכו בדרכיך עתה שימה לנו מלך לשפטנו ככל הגוים· וירע הדבר בעיני שמואל כאשר אמרו תנה לנו מלך לשפטנו וכ׳ (שמואל א „ח״)

און אלע עלטסטע פון ישראל האבען זיך פארזאמעלט און זיינען געקומען צו שמואל׳ן נאך רמה און זיי האבען צו איהם געזאגט: זעה, דו ביזט אלט, דיינע זיהן געהען ניט אין דיינע וועגען, דארום מאך א קעניג איבער אונז, וועלכער זאל אונז ריכטען, ווי אלע אנדערע פעלקער.

אבער די זאך איז ניט געפעלען געווארען אין די אויגען פון שמואל׳ן, דאס וואס זיי האבען געזאגט: גיב אונז א קעניג אונז צו ריכטען, און שמואל האט געבעטען צו גאט.

און אזוי האט דער נביא שמואל, דער רעספובליקאניעץ, געקעמפט פאר זיין פאלק, אז די אידען זאלען זיין א פריי פאלק און ניט נעמען אויף זיך קיין מלך ווי די אמות העולם. ער האט זיי געזאגט: „ויאמר זה יהיה משפט המלך אשר ימלך עליכם את בניכם יקח ושם לו במרכבתו ובפרשיו ורצו לפני מרכבתו. ולשום לו שרי אלפים ושרי חמשים ולחרש חרישו ולקצר קצירו ולעשות כלי־מלחמתו וכלי רכבו: ואת בנותיכם יקח לרקחות ולטבחות ולאפת: ואת שדותיכם ואת כרמיכם וזיתיכם הטובים יקח ונתן לעבדיו ורעיכם וכרמיכם יעשר ונתן לסריסיו ולעבדיו. ואת עבדיכם ואת שפחותיכם ואת בחוריכם הטובים ואת המוריכם יקח ועשה למלאכתו: צאנכם יעשר ואתם תהיו לו לעבדים: וזעקתם ביום ההוא מלפני מלכבם אשר בחרתם לכם ולא יענה ד׳ אתכם ביום ההוא״. (שמואל א. ח.)

און ער האט געזאגט אין נאמען פון גאט: דאס וועט זיין׳דו אויפפיהרונג פון דעם קעניג וועלכער וועט רעגירען איבער אייך; אייערע זיהן וועט ער נעהמען און ער וועט זיי האלטען פאר זיך ביי זיינע רייטוועגען, און פאר זיינע רייטער, און זיי וועלען מוזען לויפען פאר זיינע רייטוועגען. און ער וועט מאכען (נאך זיין וואונש) איבער אייך עלטסטע איבער פופציג, און צו שניידען זיין קארען — שניט, און צו מאכען זיינע שטרייט־געווער, און אלעס וואס געהערט צו זיינע רייטוועגען. און אייערע טעכטער וועט ער נעמען פאר פרויען וועלכע מאכען זאלבען און קעכינם און בעקערינס· אייערע פעלדער, וויינגערטנער און אייערע אוילבוימער, וועט ער אוועקנעמען און ער וועט זיי געבען צו זיינע קנעכט.

און פון אייערע זאמען און פון די וויינגערטנער וועט ער נעמען א צענטעל טייל און וועט עס געבען צו זיינע דינער און צו זיינע קנעכט. .

אייערע קנעכט און דינסטען, די בעסטע יונגע־לייט און אייערע אייזלען וועט ער צונעהמען און וועט באנוצען צו זיין ארבעט. פון אייערע שאף וועט ער נעמען א צענטעל טייל און איהר וועט אין גאנצען ווערען שקלאפען צו איהם.

און איהר וועט אין יענעם טאג שרייען וועגען אייער קעניג, וועלכען איהר האט זיך אויסדערוויילט, אבער גאט וועט אייך ניט ענטפערען אין דעם זעלביגען טאג.

אבער דאס פאלק האט ניט געוואלט הערען צו דער שטים פון שמואל און זיין רצון איז בטל געווארען אנטקעגען דעם ווילען פון פאלק.

און נאך מער בולט ער זיינען די רייד צום פאלק פון די נביאים: ישעיהו, ירמיהו און עמוס. פון זייער מוסר קען א שטיינערען הארץ אויף צעפלאצט ווערען.

עס איז געשטאנען א טרויעריגע צייט פאר יהודה און שומרון, איין שלעכטער קינג האָט איבערגעביטען דעם צווייטען, און וואו עס איז נאָר געווען א פונק אמת, א פונק גערעכטיגקייט, פלעגט עס גלייך אויסגעלאָשען ווערען. דאָס לאנד יהודה און שומרון איז געוואָרען פול מיט שלעכטס און מיט רויב, און אלע גרויסע גאָט'ס שלחים די אמת'ע נביאים האָבען געהאט אויסצושטיין די גרעסטע רדיפות, א סך האָבען זיך אין גריבער און פינסטערע היילען פארבאָרגען, און שטום איז געוואָרען גאָט'ס וואָרט אין יהודה און אין שומרון, און יהודה ושומרון זיינען געגליכען געוואָרען צו א מדבר אָהן וואסער.

נור די אויבענדערמאנטע נביאים, די באגאבטע נביאים האָבען מקריב געווען זייער לעבען פארן אמת און גערעכט...

„איכה היתה לזונה קריה נאמנה מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים: כספך היה לסיגים סבאך מהול במים: שרים סוררים וחברי גנבים כלו אהב שחד ורודף שלמנים יתום לא ישפטו וריב אלמנה לא יבוא אליהם".

— אוי, ווי איז די טרייע שטאָדט געוואָרען ווי א בוהלערין, זי איז געווען פול מיט גערעכטיגקייט, די אונשולדיגקייט אליין פלעגט זיך אויפהאלטען אין איהר, אָבער איצט — מערדערס.

דיין זילבער איז געוואָרען אָפפאל, דיין געטראנק איז געמישט מיט וואסער, דיינע פירשטען זיינען געוואָרען אויסווירפען און פריינט פון גנבים, אלע האָבען ליעב צו נעמען באשטעכונג, אלע יאָגען זיך נאָך באצאָהלונגען, דעם יתום שאפט קיינער קיין גערעכטיגקייט, און די קלאגע פון דער אלמנה קומט ניט פאר זיי.

און פאר די ווערטער האָט ער באצאָהלט מיט זיין לעבען פון מלך מנשה.

דער נביא ישעיהו האָט פראָפאגאנדירט אזעלכע הויכע אידעאלען וואָס זיינען נאָך עד היום ניט פארענטפערט געוואָרען, נאָר ווען די מענשהייט וועט פראָגרעסירען וועט מקוים ווערען זיינע ווערטער, למשל: וכתתו חרבותם לאתים, וחניתותיהם למזמרות לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה".

— און זיי וועלען אויסשמידען זייערע שווערדען צו אקער־אייזענס און זייערע שפיזען צו שנייד־מעסערס, איין פאָלק וועט ניט מעהר אויפהויבען א שווערד קעגען אן אנדער פאָלק און זיי וועלען מעהר ניט לערנען קיין קריג.

שמרון האָט געבליהט אונטער דער מלוכה פון ירבעם דעם צווייטען, וואָס האָט צוגענומען ביי ארם די הויפט שטאָט דמשק און אויך די שטאָדט חמת. וואָס רייכער אָבער דאָס לאנד איז געוואָרען, אלץ מעהר איז עס פארזונקען געוואָרען אין זינד, די עבודה־זרות האָבען דאָרט געהאַט א פייעריגען באשיצער אין אמציה, דעם כהן פון בעל. שלעכטע מדות האָבען זיך מיט יעדען טאָג מעהר איינגעוואָרצעלט. די עשירים האָבען געבערענט א וועלט מיט זייער פארמעגען, געריסען פראָצענט, געשונדען די הויט פון אָרימע, גענומען פאר משכנות קליינע קינדער און דערנאָך געמאכט פאר קנעכט, זיך אָנגעגעסען אלע תענוגים, און נאָר עטליכע געציילטע יונגע לייט פלעגען זיך האלטען מיט די נביאים. וואָס האָבען זיך געפונען אין בית אל, גלגל אין ירוחו, נאָר קיינער פלעגט זיך אויף זיי ניט אומקוקען און זיי האָבען זיך דערפאר געקאָנט פריי און אָפען זייער פראָפאגאנדע און ריידען וואָס זיי האָבען

געוואַלט:

אזא פריהייט האָט געפירט דערצו וואָס צווישען אזא זינדיג פאָלק מיט פאַר־שטיינערטע הערצער און פארשטאָפּטע אויערען צו אמת און יושר, האָט געקאָנט ארויסשפּרינגען עמוס פון תקוע, א מענש וואָס האָט זיך גערעכענט פאר א פּראָסטען בעל־הבית.

גאָט׳ס געהיימע קראפט האָט געקוועלט אין זיין ברוסט, זיין וואָרט איז געוועזן גליהענדיק... זיין שטארקער גייסט האָט אים ניט געלאָזט איינרוהען און ער פלעגט מיט פייערדיגע ווערטער שטראָפען דעם עולם און שרעקען מיט דעם ביטערען סוף וואָס קאָן ארויסקומען, ער האָט זיי געזאָגט: (עמוס ב׳)

„כה אמר ד׳ על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו על מכרם בכסף צדיק ואביון בעבור נעלים: השואפים על עפר ארץ בראש דלים ודרך ענוים יטו, ואיש ואביו ילכו אל הנערה למען חלל את שם קדשו: ועל בגדים חבלים יטו אצל כל מזבח ויין ענושים ישתו בית אלהיהם":

אזוי האָט גאָט געזאָגט: איבער די דריי פארברעכענס פון ישראל׳ס און פאר דעם פיערטען וועל איך מיין שטראָף ניט צוריקציהען — וואָס זיי האָבען פאר געלד פארקויפט אומשולדיגע און אָרימע פאר שיך.

זיי ווילען צו זייער אקער־לאנד אויך די טהייל פון אָרימען צונעמען און דאָס רעכט פון געדריקטען פארבייגען זיין; יעדער געהט מיט זיין פאָטער צו אמיידעל אום מיין הייליגען נאָמען צו פארשוועכען.

אויף פאר׳משכון׳טע קליידער לייגען זיי זיך אוים לעבען יעדען אלטאר און גערויבטען וויין טרינקען זיי אינ׳ם הויז פון זייער גאָט.

און ער האָט מיט פערעלדיגע ווערטער אָנגעוויזען אויף די פארברעכענס, רויב און גזלה, פרעכהייט פון דעם אָלרייטניק אנטקעגען דעם שוואכען פון יענער צייט.

אין אונזער תורה לערענט אונז אז די הויפּט־פּרינציפּען פון אידענטהום איז צו העלפען די אָרימע, צו שטיצען זיי און מיט אלע מעגליכקייטען פארבעסערען זייער לאגע, דאָס אלעם לערנט די תורה, דאָס איז ניט קיין חסד, נור א חוב, א פליכט אויף יעדען אידען

„וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו גר ותשב וחי עמך. (ויקרא בהר לה")

— און דיינער א פריינד וואָס וואוינט נעבען דיר וועט אָרעם ווערען און וועט זיין אין א געדריקטען צושטאנד, זאָלסטו איהם שטיצען, אפילו איין איינוואוינער ביי דיר און אויך א פרעמדען.

דו זאָלסט ניט וואַרטען חס ושלום ביז ער וועט פאלען אזוי ווי א אייזעל אונטער זיין שווערער משא, נור דו זאָלסט איהם ארויסהעלפען איידער ער׳ פאלט, כדי ער זאָהל זיך שטעלען פעסט אויף זיינע פים און ווערען צוריק מיט לייטען גלייך.

אָבער ווי איז אז א מענש איז אָרים, עלענט און פארדינגט זיך פאר א קנעכט צו א רייכען, איז דער דין: „שש שנים יעבד וכ׳ (משפטים א) שומע אני כל עבודה במשמע? ח"ל לא תעבוד בו עבודת עבד, מכאן אמרו לא ירחץ לו רגליו ולא ינעול לו סנדליו, וכל הקונה עבד עברי, כאלו קנה אדון לעצמו. (ילקוט שי"א)

„זעקס יאָהר זאָל ער דינען", וואָלטען מיר מיינען, אז ער ברויכט צו טאָן אלע

גראָבע ארבעט, האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט, דו זאָלסט איהם ניט לאָזען ארבעטען שקלאפען ארבעט· דאָס מיינט ער זאָל איהם ניט וואשען די פיס, ער זאָהל איהם ניט אָנטאָהן די שיך און נאָך אזעלכע נידריקע ארבעט, ווייל דער דאָס קויפט א אידישען קנעכט איז גלייך ווי ער קויפט א האר אויף זיך.

און דאָס גלייכען קומען חז״ל און זאָגען ווי דער בעל הבית דארף זיך אויפירען מיט איהם אין זיין עסען, טרונקען און שלאָפען:

„תנו רבנן כי טוב לו עמך (דברים טז)

עמך במאכל עמך במשתה שלא תהיה אתה אוכל פת נקיה והוא אוכל פת קיבר, אתה שותה יין ישן והוא שותה יין חדש, אתה ישן על גבי מוכין והוא ישן על גבי תבן״.

כי טוב לו עמך, ער געפינט זיך אין דיין הויז און ער איז בא דיר א קנעכט האָט ער רעכט צו עסען און צו טרינקען גלייך מיט דיר, דו זאָלסט ניט עסען ווייסען ברויט און ער זאָל עסען שווארצע ברויט, דו זאָלסט טרינקען אלטע וויין און ער זאָל טרינקען נייע וויין, דו זאָלסט שלאָפען אויף א ווייכע פערינקע און ער זאָל שלאָפען אויף א זאק מיט שטרוי, נור גלייך.

עס פארשטייט זיך פון זייערע רייד אז דער ארבעטער, ארבעט פארן בעל הבית מיט זיין ביטערען שוויים און מאזאָלעס אויף די הענט, און דער לעצטער ווערט רייך פון זיין קנעכט׳ס פראצע, האָט ער רעכט צו עסען, טרינקען און שלאָפען גלייך מיט זיין בעל־הבית.

און ווי א רויטער פאָדים איבערן גאנצען תלמוד ציהט זיך דורך די ליבשאפט פון חז״ל צו דעם ארבעטער. דער גאנצער יודאאיזם איז געגרינדעט געוואָרען בא אונז אידען אויף מענשען־ליבע, אזוי ווי די גמרא דערציילט אונז אין שבת וועגען דעם נשיא הלל הזקן:

„נכרי אחד בא אליו ויאמר: הנני הפץ להתיהד, אך הודיעני תמצית כל התורה בדברים קצרים, ויאמר אליו מה ששנוא עליך אל תעשה לחברך — מה דעלך סני לחברך לא תעביד־זה הוא כלל כל התורה כלה, והשאר הוא רק פרוש הכלל הזה״.

א מאַן פון אן אנדער רעליגיאָן איז געקומען צו איהם און געזאָגט: איך וויל ווערען א איד נור ערקלער מיר על רגל אחת דעם תמצית־עסענץ פון אמונת־ישראל; האָט איהם הלל הנשיא געענטפערט:

„א מענש טאָר ניט טאָהן דעם אנדערען דאָס וואָס ער וויל ניט מען זאָהל איהם טאָהן — דאָס איז דער רעגעל פון דער גאנצער תורה און דאָס איבריגע איז נור א פרוש אויף דעם רעגעל.

ליעב האָבען שלום, זיך ניט נאָכיאָגען נאָך כבוד, שטענדיג אויף יענעם מלמד זכות זיין, — בא זיך זיין א עניו, דאָס זיינען די הייליגע מדות מיט וועלכע הלל האָט זיך אליין אויסגעצייכענט און האָט אויך אנדערע געלערענט.

אָט אין דעם באשטייט די מענשענפריינטליכקייט אין תורה און תלמוד — מען זאָל זיין א מענש מיט א געפיל צום צווייטען; ווען דער מזל שפילט צו און מען ווערט רייך, מען עפענט אויף פעקטאָריעס, טאָר מען ניט עקספּלואטירען דעם ארבעטער — א אידען אָדער ניט קיין אידען — דער בעל הבית טאָר ניט זיין קיין

היה בצורת אדם, דער באַס טאָר ניט זויגען מענשען־בלוט, ניט שניידען די ארבייטס־לוין, ניט וועלען מיט אמאָל רייך ווערען, נור באהאנדלען דעם ארבעטער אָרענטלאך געבען איהם געגוג צום לעבען און ניט מאטערען איהם ווי אן אייזעל, ווארום ער וועט אויף דיר קלאָגען צו גאָט און דו וועסט זיין זינדיג.

און אזוי איז זייער בולט אין תורה און תלמוד די מענשנפריינטליכקייט, וואָס אונזערע נביאים און תלמודיסטען האָבען געלערענט די וועלט. חז"ל פארהיטען דעם מענשען פון צו טאָן שלעכטס און פארפלאנצען אין הארצען פון יעדען אידען גוטע זיטען: רחמנות, בישנות וצניעות אויף זיין גאנצען לעבען.

דער הענדלער

מיט א זעקעל אין דער האנט
גייט ער אום פון הויף צו הויף,
הויבט די אויגען אליץ ארויף;
און ווי טרויעריק ער זינגט —
איבערן גאנצען הויף עס קלינגט: האנדעל, האנדעל!
— זאָגט, ווער זייט איר, ליבער איד?
וואָס דערציילט מיר אייער ליד?
— כ'וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס,
אין א קעלער — פייכט און נאַס,
מיט א גרוים געזינד!
זומער קומט דאָרט נישט אריין
פון דער ליבער זון קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינט.
כ'גיי מיין גאנצען לעבען אום,
מ'הערט פון מיר נאָר וואו איך קום: האנדעל, האנדעל!
אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיל,
דאָך איך טראָג זיי אין דער שטיל —
קיינער דארף זיי ניט.
ווען איך קום א היים ביינאכט
אָנגעמאטערט און פארשמאכט,
גים איך זיי און גים...
עט, וואָס האָב איך זיך פארדעדט...
האָט איהר ניט אן אלטע בעט,
אלטע הויזן, אלטע שיך?
וואָס איהר ווילט נאָר — האנדעל איך, האנדעל, האנדעל!

א. ר.

יוגענדס עראינערונגען

איך בין א געבאָרענער פון א קליין שטעדטעל, רעזיצא, וויטעבסקער גובערניע, וועלכע לאָקט, ווינקט מיר און רופט מיך כסדר צו זיך פון אמעריקאנער ברעגען. איטלעכס בערגעלע איהר'ס, איטליכע לאָנקע, איטליכער בוימעלע און צווייגעלע — אלע זיינען מיר ליעב ווי מיין לעבען.

אמאָל, זיצענדיג ביים שרייב טיש, פארמאך איך די אויגען און טראָג זיך אריבער אין די אינגעלשע יאָהרען פון מיין ליב שטעטעלע...

איך פיל מיך צווישען מיינע חברים, שפאצירענדיג צוזאמען, לעבעדיג און פריי־לאך הינטערען שטאָדט, טראָגענדיג זיך מיט א ווינטיגער געשווינדקייט איבער די הויכע בערג צו כאפען אָ טרונק פון „צעווענער קוואל", אויף וועלכען מען זאָגט, אז זיין וואסער איז א רפואה צו די אויגען. פון דאָרטען, בליציג־שנעל לאָזען מיר זיך ארונטער אין טאָל זיך צו באהאלטען צווישען די הויכע קאָרן, זיך רופענדיג פון דער באהעלטעניש „הו הא!" — „וואו ביזטו!"

בעת דער ווידערקלאנג ענטפערט מיט די זעלבע אויסגעשרייען. מיר בלאָנדזשען צווישען דער שטייענדיקער תבואה א לאנגער צייט, ביז מיר געפינען זיך אוים אלע און דערנאָך אינאיינעם, היידא — זיך באָדען אין קרעשטאָלענעם טייכעל, נעבען וואלד, קייקלען זיך אין דעם הייכען זאמד, פארמעסטען זיך ווער עס וועט אריבער־שווימען דעם טייך און — וויפיל „בלינעס" איטליכער פון אונז וועט מאכען אויפן וואסער מיט א ליימען שערבעל.

וו ליב דאָס אלעס איז געווען; גאָלדענע יוגענד־טעג, זוניגע, ליכטיגע טעג וואָס זיינען אוועק, מער ניט צוריק צו קומען...

מיין קינד שלעפט מיך אוועק פון מיינע יוגענט חלומות. צו דער גרויסער ווירק־ליכקייט, צופענדיק פאר'ן ארבעל, בעט ער: „טעל מי אָ סטאָרי" — לאָז מיך נאָך אביסעל...

— „נאָ, נאָ פאטער, טעל מי א סטאָרי"...

מיין פאָטער ר' שמריהו הוטנער זצ"ל, איז געווען א איד א עלוי, מיין זיידע דער רב האָט איהם אויסגעקליבען פאר אן איידים פון וואָלאָזענער ישיבה (מיין זיידע הגאון ר' יצחק ציוני זצ"ל האָט געשטאמט פון 16 דורות רבנים; אליין א גאון א צדיק , פערפאסער: „עולת יצחק" איז געווען 42 יאָהר רב אין רעזיצא, וויטעבסקער גובערניע.

מיין פאָטער האָט ניט געוואָלט קיין רבנות און טאקע געבליבען א סוחר — א מעהל־הענדלער. די מוטער מוסע ז"ל, איז געווען דער סימבאָל פון תמימות און גוטסקייט און האָט איהם געהאָלפען אין געשעפט. מען האָט געלעבט גוט און גע־געבען פיל צדקה.

מיר זיינען דריי ברידער און צוויי שוועסטער. איך — דער אינגסטער; דער עלטערער ברודער דוד פאררייזט אין אמעריקע, עטליכע יאָהר געשריבען און דערנאָך

ווי אין וואסער אריין... מיר הערען מעהר ניט פון איהם.

געלערענט האָב איך מיט מיין עלטערען ברודער זעליקען אין חדר; אונזער רבי ר' „גרשון דער מגיד" איז געווען א איד א בעל־בשר פון מיטעלען וואוקס מיט א לאנגער ווייסער באָרד, א פּאָר שווארצע אויגען מיט א הויכען שטערען. א קאנטשיק האָט ער שטענדיק געהאלטען אין האנט, דאָס איז געווען זיין געווער מיט וועלכען ער פלעגט אונז לערנען דרך־ארץ — פּאַרוואָס ער האָט ארויסגערופען געגען זיך אונזער שנאה·

דעם רבינ'ס הויז איז באשטאנען פון 3 צימערען: א שלאָף צימער, עס צימער, וואו ס'איז אויך געווען דער חדר; א קיך, וואו די ציג פלעגט רוהיג הויערען, און תמימותדיג איבער'הזר'ן דאָס עסען. אריינקומענדיג אין חדר פלעגען מיר פאַר־זיכטיק אריבער שפּרינגען דער ציג.

די צימערען זיינען געווען אָהן אדעל (פּאָדלאָגען) אָבער ריין און אויסגעשאָ־טען מיט געלער זאמד, אפילו ניט ערב שבת...

אין חדר זיינען מיר געווען צעהן אינגלאך פארשפּארט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָווענט, בלויז א קליינער איבעררייס פון א שעה אין מיטען טאָג אויף ווארימעס.

עטלאכע חדר עפּיזאָדען זיינען נאָך פריש אין מיין זכרון מיט וועלכע איך טייל זיך מיט מיינע ליבע לעזער. מיר — חדר־אינגלאך אָדער „שקצים" ווי דער רבי פלעגט אונז רופען,- זיינען געווען זייער אויפגעבראכט אויפן רבין פאר זיין שמייסען און פארן האלטען צו שפּעט פארנאכט אין חדר, ווי אויך פאר זיין צארים־טישער הערשונג איבער אונז, זיינע אונטערטאנען. אין אונזערע הערצער האָט זיך אָנגעקליבען פיל גאל.· אונז האָט זיך געגלוסט צו נוקם זיין זיך אין רבין און אָפּטאָן איהם א שפּיצעל.

איינמאָל, דאָס איז געווען נאָך מיטאג, די רבי'צן, ווי איהר שטייגער, איז אוועקגעגאנגען זיך דורכשמועסען מיט די ווייבער... דעם רבינ'ס טבע איז געווען נאָך מיטאג, פאר אונזער צוריקקומען. פלעגט ער זיך צושפּארען אויפ'ן טיש און זיך צעכראָפּענען, זיין באָרד פלעגט דאן באדעקען דעם טיש אזוי ווי א טישטוך.

האָבען מיר אריינגעשלייכט שטילערהייד אין חדר, און קינסטליך־שנעל צו־געקלעפּט מיט וואקס דעם שפּיץ באָרד צום טיש און נאָך גיכער אויף די שפּיץ פינגער זיך אָפּגעטראָגען צוריק...

גאָר ניט ווי געווען.·. ווי אלע מאָל, זיינען מיר אריין אין חדר,· און געפונען די רבי'צן א פארפלאמטע, שטיין מיט א מעסער און שקראבען דעם רבינ'ס שפּיץ באָרד פון טיש...

דער רבי האָט זיך אָפּגערעכענט פאר זיין בזיון, וואָס מיר האָבען אים אָפּגעטאָן און געגעבען מלקות אלעמען גלייך...

מיר האָבען די שמיץ אָראָפּגעשלונגען און בשום אופן ניט אויסגעזאָגט, ווי ער האָט פארלאנגט, ווער דער אָנהעצער איז געווען...

מיר זיינען אויך שטארק געווען ברוגז אויפ'ן רבן, וואָס ער האלט אונז שפּעט ביינאכט, פלעגען מיר, בין מנחה למעריב, ווען דער רבי פלעגט אוועקגען טונקען

דעם קנייט פון גרויסען לאָמפּ אין פעסעל וואסער, דאָס איז א סגולה כדי ער זאָל ניט ברענען.·.

די רבי׳צן איז אויפפאלענד געוואָרען: דאָס געקעכטס „שמעקט״ מיט קעראָסין און זי האָט געהיט אין געהיים ביז וואנעט זי האָט מיך געכאפּט ביים האנט... מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס עס איז פאָרגעקומען...

נאָך אמאָל איז פאָרגעקומען אן אינצידענט פאר וועלכען איך בין באשטראָפט געוואָרען נאָך מער ווי אלע מאָל, פון צוויי צדדים, פון מיינע עלטערען און פון מיין רבין. די געשיכטע איז געוועזן אזוי:

איך מיט מיין ברודער זעליגען זיינען אוועק כאפּען פיש, געגנג געזונט האָט אונז געקאָסט איידער מיר האָבען זיך איינגעשאפט א ווענטקע, מיט די אלע איבריגע מכשירים צו דער ארבעט. כאפּען פיש איז געווען בא אונז אין שטאָדט א מנהג עכום, חברה האָבען גלייך געלאָזט וויסען דער מאממען.·. די מוטער האָט קיין שהיות ניט געמאכט, איבערגעלאָזען אלע קונים אין סטאָר און געלאָפען צום טייך, וואו זי האָט אונז געפּאקט, צעבראָכען די ווענטקע און מיט די שטעקענס געבראָכען די ביינער אויף אן איידעלען אופן...

מיין פאָטער איז אויך געקומען אין חדר און געפאָדערט ביים רבין א פסק־דין און דאָ האָט זיך אויך דערגאנגען נאָך א חטא... אז מיר האָבען אָפּגענארט דעם טאטען מיט׳ן רבין: אין חדר פלעגען מיר זאָגען אז מיר דאווענען אין דער היים און אין דער היים — אז מיר דאווענען אין חדר. בקצור, מען האָט אונז שטארק מיאוס געשמיסען...

פון דאמאָלט אָן זיינען מיר שוין קיין מאָל ניט געגאנגען כאפּען פיש.

אז איך בין עלטער קעוואָרען, בין איך קלוגער געוואָרען, ליב קעגראָגען די לערע. דעם חדר געענדיגט, אָנגעהויבען לערנען אין דער היים. נאָך מיין פארלאנג האָט דער פאָטער מיך גענומען צו לערנען צו הויז אויף שטונדען: איין לערער אויף תלמוד, דער צווייטער אויף העברעאיש און א רוסישען לערער וואָס האָט מיר פאר־פערטיגט צו 8 קלאסען גימנאזיום·

איך האָב געמאכט גרויס פאָרשריט און אויסגעהאלטען אין פעטערבורג דעם עקזאמען. אלע חברים האָבען מיר מקנא געווען אויף דעם גליק, נור אין אוניווער־זיטעט בין איך ניט אריין, די פראָצענט נאָרמע פון אידען האָט מיך ניט צוגעלאָזען...

אין דער צייט איז מיין ליבע מוטער געשטאָרבען און איך האָב געמוזט מאכען א סוף צו מיין לערנען און ארויסהעלפען דעם פאָטער אין געשעפט. די עלטערע קינדער האָבען חתונה געהאט; דער מוטערס טויט האָט שרעקליך געווירקט אויפן פאָטער, עס האָט אים אינגאנצען צעבראָכען, ער איז געוואָרען מיד פון לעבען, די נערוועןׅ — טעמפּ, ארויסגעשלאָגען פון די כחות, שרעקלאך נערוועז, און ער האָט באשלאָסען צו פאָרען נאָך ארץ ישראל, און ווי געטראכט, אזוי געטאָן: אלעם אויס־פארקויפט און אוועקגעפאָרען...

מיר אויך געגעבען א טייל.

איך בין געוואָרען א אגענט, ארום געפאָרען איבער די שטעדט, געשיקט סחורה אין מינסק צו מיין ברודערד זעליג, וועלכער איז געווען באוואוסט פאר א גרויסען סוחר.

איך האָב א שדוך געטאָן, זייער א גוטען — מיט דעם רב׳ס א טאָכטער ר׳ אשר ליב זצ״ל, באראן פון אבאלניק, קאָוונער גוברעניע, זיי האָבען געהאט גוטע געשעפטען, איך האָב זיך דאָרטען באזעצט, מיין פרוי מרים, אן אשת־חיל און איך בין געווען צופרידען פון לעבען.

נאָר מיט אמאָל האָט זיך געטראָפען אן אומגליק, וואָס מען האָט דאָס קיינמאָל ניט געקאָנט דערוואַרטען:

עס איז געווען די צייט פון דער וועלט מלחמה, דער רוסישער קאָמאנדיר האָט ארויסגעגעבען א באפעהל אז אלע אידען זאָלען פארלאָזען גאנץ קאָוונער גוברעניע אין 24 שעה צייט, מען האָט גענומען טרייבען, יאָגען די אידען פון ארום אבאלניק האָט מען גֶעטריבען, א באלניקער האָבען געמוזט אליין פארלאָזען די שטאָדט, ווארום די קאָזאקען האָבען אלעם פארברענט, כדי עס זאָל ניט אריינפאלען אין די דייטשע הענט־ מיר זיינען געווען 14 מאן: איך מיט מיין פרוי, מיין שווער מיט דער שוויגער און זיהן, א פארהייראטע טאָכטער מיט א מאן און פיער קליינע קינדער, דריי טעכ־טער, מיידלאך. זיינען מיר אלע אנטלאָפען פון דער היים צו פוס מיט די קינ־דער אויף די הענט — פארלאָזענדיג גוטס און האָב...

פאר׳ן אָפפאָרען, געדיינק איך, האָבען מיר שנעל באגראָבען אין דער ערד א קעסטעל מיט צירונג, מיטגענומען א ביסעל צידה לדרך און אויך א ביסעל געלט, ווארום מען פלעגט געפינען ביי אידען פיעל געלט, פלעגט מען אָנטאָן יסורי מות, מען זאָל זיי זאָגען וואו מען האָט די איבריגע באהאלטען.

מיר זיינען אָנגעקומען אין א דאָרף, צוויי ווייארסט פון שטאָדט, נור דאָרט האָבען מיר זיך ניט געקענט האלטען לאנג, כאטש די פויערים האָבען אונז געקאָנט און זיינען געווען גוט צו אונז, אָבער עס איז זיי געווען פארבאָטען אריינצולאָזען אידען. (די מלוכה האָט חושד געווען אידען אין שפּיאָנאזש־מרגלים) אנדערע פויערים ניט קוקענדיג אויף די אלע פארבאָטען האָבען דאָך אויסבאהאלטען אידען.

דאָרטען האָבען מיר נאָר איבערגענעכטיגט, ווארום דאס גאנצע דאָרף האָט געמוזט אנטלויפען, איבער דעם מיליטער, וועלכעס האָט ווי ווילדע חיות געזוכט עסענווארג. דער אָרימער פויער האָט אוים מורא פאר די קאָזאקען זיך אויך גע־מוזט מופ׳ן מיט די אידען צוזאמען.

זיינען מיר אלע אידען, מענער, פרויען און קינדער געקומען אין וואלד „צי־פעסקער וואלד״, דאָרטען אָפּגעווען צוויי וואָכען צייט, מיינענדיג אז אין גיכען וועט מען קאָנען קומען צוריק אהיים, דאָ האָבען מיר געליטען הונגער און קעלט: מענשען האָבען געקייעט ווי די בהמות די גראָז, געטרונקען וואסער פון זומפּען, פרויען האָבען קינדער געבוירען אין וואלד, געווען איז דאָס זומער נאָך שבועות, דער וועטער וואָלקענדיג און קאלט, געגאנגען גרויסע האָגלען, פילע זיינען געווען באָרוועסע און אין וואלד איז געווען זומפּיג, פילע האָבען געמאכטביידלאך פון בוימלאך און בלעטער. פורלייט האָבען געהאט פערד מיט וועגען און מענשען האָבען זיך געלייגט אונטער די וועגען שלאָפען, באשיצענדיג זיך פון רעגען, אָבער די פערד האָבען זיך געשראָקען פאר דער שיסעריי און גענומען אויסטראָגען, עס איז געוואָרען א פאניקע.

די דייטשע עראָפּלאַנען האָבען זיך געטראָגען אין דער הויך, האָבען מיר זיך אָנגעטאָן אין ווייסען, האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז דאָס זיינען פרידליכע מענשען, זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטען און געבראַכט ברויט צו פאַרקויפען, 20 קאָפּיקעס א פעניץ. אַזוי האָבען זיי געבראַכט עטלאַכע טעג ברויט אין וואַלד, נאַכהער האָבען זיי זיך גענומען טרייסלען אונזערע פעקלאַך... זיינען מיר געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען דעם וואַלד און געהן ווייטער.

יאָ, ווען די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען שאָקלען די וועגען, איז דאַמאָלסט געוואָרען א טומעל און א מוטער מיט א קינד פון דריי יאָהר איז אַראָפּגעפאַלען פון וואָגען, דאָס קינד איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. איין פרוי פון 25 יאָהר, האָט פון שרעק געקראָגען א פּאַפּלעקסיע און גלייך געשטאָרבען, לאָזענדיג א קינד פון צוויי יאָהר. מיר זיינען געפאָרען מיט די טויטע ביזן דאָרף „קופּרעליסיק", די קריס־טען זיינען געווען גוטע. מיר האָבען אין גאָרטען געגראָבען בולבעס און געבאַקען אין אויווען, אין שטוב איז געווען פינסטער, פאַרבאַטען פייער אָנצוצינדען, איבער־גענעכטיגט א נאַכט און געלאָזען זיך אין וועג, געקומען אין פּאָנעדעל — א שטעט־טעלע — דאָרטען האָבען מיר מקבר געווען די טויטע.

פּאָנעדעל האָט מען געמוזט אויפמאָרגען פאַרלאָזען, ווארום די קאָזאַקען האָבען באַאומרוהיגט, האָבען מיר געבלאָנדזשעט ווייטער ביז דער פּאָזיציע. דאָרט איז שוין געווען פאַרצאַמט פוןביידע זייטען· ניט ווייטער, ניט צוריק.

פריה באַגינען האָט מען ערלויבט אריבערצוגעהן די בריק, פילע זיינען אריבער אנדערע געבליבען אָפּגעשניטען, ווייל די סאָלדאַטען האָבען עס פאַרברענט. מיר זיינען געגאַנגען 70 וויאָרסט צו פוס ביז מיר זיינען געקומען אין שטאָדט ראַקעשיק. דאָרט זיינען מיר געווען לעבען וואָקזאַל, וואו עס זיינען געווען טויזענטער מענשען, מען האָט געפירט טויטע און פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען, א גאַנץ פעלד האָט מען פאַרנומען פון זיי, דריי טעג דאָ אָפּגעווען, נאַכהער האָט מען אונז אריינגעזעצט אין וואַגאָנעס און אָפּגעשיקט קיין דווינסק, אַכט טעג זיינען מיר דאָרט אָפּגעוועזען און נאָכדעם אָפּגעשיקט געוואָרען קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק האָט מען אונז געוואָלט שיקען קיין סיביר, נור אונז האָט זיך איינגעגעבען צו פועל׳ן מען זאָל אונז איבערלאָזען אין יעליסאַוועטגראַד, וואו מיר האָבען זיך באַזעצט. די רייזע האָט אונז געדויערט 5 מאָנאַטען צייט.

אין יעליסאַוועטגראַד האָבען מיר אָנגעהויבען קומען צו זיך, אָנגעהויבען האַנד־לען און געמאַכט א לעבען, נור קיין שלוה איז ווייטער ניט געוועזען, ווייל די רע־גירונג פלעגט איבערגעהן פון האַנט צו האַנט, און דאָס איז געווען זעהר ניט גוט פאַר אונז. דאָרט האָבען זיך פאַראייניגט גריגאָריעווס סאָלדאַטען מיט די פּויערים פון די דערפער און באַלאַגערט די שטאָדט ווי די היישעריקען. באַפאַלען אין מיטן טאָג אידישע הייזער און איבער צעהן טויזענט מענשען, אידען, האָט מען אויס־גע׳הרג׳עט אין דריי טאָג אין יעליסאַוועטגראַד, (צאַרנאַ־גראַד) עס איז ניט געווען קיין הענט מקבר צו זיין די טויטע. אידען האָבען זיך באַהאַלטען אין די קעלערס אויך אויף די בוידעמער און אונטער די די פעסער זיינען געלעגען טאַטעס, איידימס, חתנים און צוגעקוקט ווי עס האָבען זיך געצאַפּעלט „נשים כשרות" אונטער די

ערלים... און זיי האָבען געבעטען גאָט, אונטער די פּעסער, אז דער אומגליק זאָל צו זיי נישט קומען: און די אויגען האָבען זיי זיך ניט ארויסגענומען און פון זינען זיינען זיי ניט אראָפּ...

מיין שווער, פון צער און מורא פאר זיינע כשר'ע קינדער איז קראנק געוואָרען, ער האָט געקראָגען א ראק און זיך אָפּגעמוטשעט א יאָהר צייט, מיין פרוי איז ניט אָפּגעטראָטען פון איהם גאַנצע נעכט. געזעסען נעבען איהם, קיין זאך אין דער וועלט איז איהר ניט שווער געווען צו טאָן, אבי איהם צו ראטעווען:

אָבער גאָט האָט ניט געוואָלט.

אז עס האָט זיך איינגעשטילט דער שטורם פון רעוואָלוציע האָבען מיר אָנ־געהויבען אביסעל טראכטען וועגען זיך, אז דאָ טאָר מען ניט פארבלייבען, אין ארץ הדמים, און באשלאָסען צו פאָהרען נאָך אבאלניק, אהיים. אין מינסק האָט מען דורכגעלאָזען אונזער גאנצע פאמיליע אחוץ מיר, ווייל איך בין פון אָרעזיצער גובער־ניע, ניט קיין אבאלניקער, אונזערע זיינען אלע אָפּגעפאָהרען אהין און איך מיט מיין פרוי פארבליבען אין מינסק נאָך 5 יאָהר.

געמאכט אן ארבייטער לעבען און מיין פרוי האָט מיר געבוירען 2 שעהנע ליעבע קינדערלאך, וואָס זיי האָבען אונז פארזיסט דעם לעבען; איך האָב דאָרטען ניט געקאָנט קומען צו א תכלית, האָבען מיר באשלאָסען צו פאָהרען נאָך אמעריקא, וואו מיר זיינען שוין דאָ פינף יאָהר צייט. וועגען אמעריקאנער לעבען — א צווייטען מאָל.

דרוש חיבת הקדש

(די רעדע האָב איך געהאלטען אין מאָנטרעאל, אין נוסח הארי שוהל וועגען מירער ישיבה הק").

געערטע פארזאמלונג:

עס איז געווען אין ווילנע איינער א מאן, מיטן נאָמען יאשקע, אזוי האָט איהם דער גובערנאטאָר גערופען. יאשקע האָט זיך צוגעמאכט צום גובערנאטאָר, פארפירט מיט איהם געשעפט; דער גובערנאטאָר איז רייך געוואָרען און ער נאָך מערער.

האָט זיך פארוואָלט יאשקען בלאָזען שופר אין גאון'ס שוהל, איז געוואָרען א טומעל אין שטאָדט, סטייטש, יאשקע, איין עם הארץ, א איד וועט בלאָזען שופר, און נאָך אין גאון'ס שוהל! נור ווער עס האָט די מאה, יענער האָט די דעה, יאשקע האָט געבעטען דעם גובערנאטאָר, וועלכער האָט געשיקט רופען די גבאים פון גאון'ס שוהל און געזאגט צו זיי: „יאַ פּריקאזוואיו, טשטאָב יאשקע דול עוו ראָג" — דאָס הייסט, איך באפעהל אז יאשקע זאָל בלאָזען שופר, — די גבאים האָבען געענטפערט: „סאָגלאסנאָ, וואשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ, אָן בודיעט דוט עוו ראָג עוו יום

כפור", — דאָס הייסט, מיר זיינען אַלע מסכים, ער וועט בלאָזען שופר יום כפור.·.

יאשקע איז געקומען צום גובערנאַטאָר און געפרעגט: „טשטאָ טיעבע סקאזאלי פּרעדסטאַוויטעלי?" — וואָס האָבען דיר געזאָגט די גבאים?

— „טי בודעש דוט עוו ראָג עוו יום־כפור!

אַי, האָט זיך, יאשקע, געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, סטייטש, יום כפור איז דאָך איין תקיעה וואָס פאַר הנאה וועל איך האָבען?

זאָגט איהם דער גובערנאַטאָר:

— „ניע פּעטשאַלסיא, שופר עוו טוואָאיך רוקאַך, דוי סקאָלקאָ חאָטשעש.

— דאָס הייסט, דו האַלסט דעם שופר אין האנד, ביזסטו דער בעל־הבית, טאָ בלאָז וויפיל דו ווילסט!...

אזוי איז אין גרויסע שוהלען, אז עס קומט א משלח — א רעדנער — גיט מען איהם נור 15 מינוט צו זאָגען, שבת אָדער יום־טוב, נאָך קריאת־התורה, מען ווייס ניט פון וואנען אָנצוהויבען און וואו אויסצולאָזען פאר אזא קורצער צייט, נור אז איך האָב שוין געקראָגען די ערלויבעניש פן די גבאים, וועל איך שוין זאָגען ווי דער גובערנאטאָר האָט געזאָגט: „שופר עוו טוואָאיך רוקאך, דוי סקאָלקאָ כאָטשעש!"

— נו, וועל איך שוין זאָגען וויפיל איך וויל...

נור איך וועל נישט ארויסגיין פון גדר דרך ארץ און וועל ניט אויפהאלטען דעם עולם א צייט.

דאָ, אין דיזער שוהל, פילט מען די נויטבאַדערפיקע, די הונגעריקע, און ניט נור מען עפענט אויף די האנט און מען גיט צו הרעבים — הונגעריקע — דער וואָרט רעב האָט אין העברעאיש צוויי הוראות: רעב — הונגעריק, אז מען וויל עסען, און רעב לייגט זיך אז די הארץ איז פוסט און גלוסט צו הערען א לעבעדיקען וואָרט תורה, אזוי ווי דער נביא זאָגט: „לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע דבר ד'"

— ניט קיין הונגער וועגען ברויט און ניט קיין דאָרשט וועגען וואסער נור א הונגער צו הערען א לעבעדיג גאָטס וואָרט.

אָט דער צוויי־פאכיקער הונגער — דער רעב ללחם, און דער רעב לשמע דבר ד' איז זייער בולט די לעצטע צייטען ביי אונזער אידישען פאָלק, און ווייסט איהר נאָך וואו מער אין ישיבת דמיר; — דאָס איז די רוסישע ישיבה מינסקער גובערניע, איצט פון דער צייט פון מלחמה, באלאנגט זי צו פוילען.

דאָרטען לערנען איבער 400 תלמידי חכמים, ישיבת דמיר איז דער מקור התורה והיראה — דער מאגניט — אבן השואבת, וואָס ציט צו דעם יונגען דור צו אונזער הייליקער תורה, אָט אזוי ווי דער פּראָזשעקטאָר מיט זיינע שטראַלען באלייכטען אויף א גרויסען שטח און קוקט אוים איטליכען בערגעלע און איטליכען טאָל צו דער שונא איז דאָרטען ניט באהאלטען. און אזוי ווי דער קאָמפּאַס ווייסט וואו עס איז מזרח און וואו עס איז מערב, כדי די שיף זאָל ניט פארבלאָנדזשעט ווערען, און ניט אריין אין ים־הקרח, אָט אזוי איז אונזער הייליקע תורה — ווי דער פּראָזשעקטאָר און קאָמפּאַס — די תורה באלייכט אונז דעם דרך החיים און ווייזט אונז דעם וועג — דעם שביל הזהב, כדי מיר זאָלען ניט פארבלאָנדזשען אין ים־החיים צווישען אונזערע שונאים.

ישיבת דמיר איז אזוי ווי ישיבת דיבנה אין די צייטען פון רבי יוחנן בן זכאי.

בעת דער אידישער הימעל האָט זיך באדעקט מיט שווארצע וואָלקענס און דאָס אידישע שיפעלע האָט זיך געטראָגען אויפן ים־החיים פון קנאה, שנאה און האס פון רמאים צו דעם אידישען פאָלק, דאן האָט ארויפגעשיינט א ליכטיקער שטערן אויפן אידישען גאריזאָנט, דאס איז געווען רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט געטראכט א מיטל צוראטעווען אונזער פאָלק פון אסימילאציאָן, אזוי ווי די גמרא זאָגט אונז אין גיטין, דף „נו״.

אבא סיקרא איז געווען דער עלטסטער פון די שלעכטע לייט, וואָס זיינען גע־ווען אין ירושלים, און ער איז געווען א זון פון דער שוועסטער פון ר׳ יוחנן בן זכאי, אזוי האָט ר׳ יוחנן נאָך איהם געשיקט און לאָט געהייסען ער זאָל צו איהם קומען בסוד, דאָס קיין מענש זאָל דערפון ניט וויסען, איז ער געקומען. האָט ר׳ יוחנן צו איהם געזאָגט, ווי לאנג נאָך וועט איהר ניט לאָזען שלום מאכען מיט דעם קייסער און איהר טויט די גאנצע וועלט אין הונגער, ווייל מען האָט ניט וואָס צו עסען; האָט אבא סיקרא געזאָגט, וואָס זאָל איך טאָן ווען איך וועל זיי עפּעס זאָגען וועלען זיי מיך הרג׳ענען.

האָט ר׳ יוחנן צו איהם געזאָגט:־

— גיב מיר אן עצה ווי אזוי איך זאָל קאָנען פון דער שטאָדט ארויסגיין צו דעם קייסער, טאָמער וועל איך עפּעס קאָנען מציל זיין.

— האָט אבא סיקרא צו איהם געזאָגט, טו אזוי: — מאך דיך קראנק און די גאנצע שטאָדט וועט דיך גיין מבקר חולה זיין און דיינע תלמידים זאָלען ארום דיר שטיין גלייך ווי דו ביזסט גוסס, אונ נעם פלייש פון א נבלה און לייג נעבען דיר וואָס איז מסריח, אזוי וועט מען מיינען דו ביזסט געשטאָרבען, וועלען זיי דיך ארויסלאָזען, מען זאָל דיך צו קבורה ברענגען, און לאָז דיך קיין אנדערער ניט טראָגען, נאָר דיינע תלמידים, כדי מען זאָל ניט וויסען דאָס דו ביזסט לעבעדיג, ווייל א לעבעדיגער איז גרינגער פון א טויטען.

האָט רבי יוחנן אזוי געטאָן, זיינע תלמידים האָבען איהם געטראָגען און אז זיי זיינען געקומען צום טויער האָבען די שלעכטע לייט איהם געוואָלט שטעכען, צו פּרובען אויב ער לעבט ניט, האָט אבא סיקרא געזאָגט:

— מען וועט זאָגען אז זייער אייגענעם רבי האָבען זיי געשטאָכען, האָבען זיי איהם געוואָלט שטוסען, האָט אבא סיקרא געזאָגט — מען וועט זאָגען אז זייער אייגענעם רבי האָבען זיי געשטוסען, האָבען זיי געעפענט דעם טויער און מען האָט איהם ארויסגעטראָגען, און אז ער איז ארויסגעקומען איז ער געגאנגען צו אספּינוס און געזאָגט צו איהם:

— „שלום עלך, מלכה, שלום עלך מלכה״, האָט אספּינוס געזאָגט צו ר׳ יוחנן:

— „תרי קטלא לך״ דו ביזסט צוויי מאָל חייב מיתה.

— ערשטענס בין איך ניט קיין מלך און דו רופסט מיר מלך, שפּעטסט פון מיר, צווייטענס, ווען איך בין יאָ א מלך, ווארום ביזסטו ביז אהער צו מיר ניט געקומען?

האָט ר׳ יוחנן צו איהם געזאָגט — דו ביזסט געוויס א מלך, ווייל איך ווייס

אז ירושלים און דער בית המקדש וועט איבערגעגעבן ווערן אין דיינע הענט, לערנען מיר אָפּ פון איין פסוק, דער בית המקדש וועט נאָך ווערען איבער געענטפערט אין דער האַנט פון א מלך, אזוי מוזסטו געווים זיין א מלך און דאָס וואָס דו זאָגסט ווארום איך בין צו דיר פריער ניט געקומען, די שלעכטע לייט וואָס אין דער שטאָדט האָבען מיך ניט געלאָזט גיין; האָט אספּינוס געזאָגט:

— ווען איינער האָט א פאס האָניג און א שלאַנג איז ארומגערינגעלט, דאָס דורך איהם קאָן מען דעם האָניג ניט ארויסנעמען, צוברעכט מען די פאס און מען נעמט דעם האָניג, אזוי אויך דו וואָלסט באדאַרפט צוברעכען דעם מויער כדי דו זאָלסט קאָנען ארויסקומען; האָט ר' יוחנן געשוויגען און ניט געקאָנט ענטפערען.

האָט ר' עקיבא געזאָגט, עס איז אין ר' יוחנן מקוים געוואָרען דער פסוק משיב חכמים), דאָס מיינט, אז גאָט פארקערט די קלוגע אונטער זיך און זייער דעה טוט ער פארנארישען, און ווען עס קומט אויף דעם מענשען, חלילה בייז, קאָן ער זיך ניט פארהיטען מיט זיין חכמה — אזוי האָט אויך ר'יוחנן ניט געקאָנט ענטפערען, דען ער האָט איהם געזאָלט ענטפערען, מען נעמט איין צוואַנג און מען נעמט אראָפּ די שלאַנג און מען לאָזט דאָס פאס גאַנץ, אזוי האָב איך געוואָרט, איך זאָל די שלעכטע לייט איבערקומען און די שטאָדט זאָל בלייבען גאַנץ און איך וועל מיט דיר שלום מאכען.

און ווי ער האָט מיט איהם אזוי גערעדט איז געקומען א שליח פון רום און געזאָגט אז דער קייסער איז געשטאָרבען, און די גרויסע לייט פון רום פארלאַנגען דיך פאר א קייסער; האָט ער געהאַט אָנגעטאָן איין שוך און געוואָלט אָנטאָן דעם צווייטען, האָט ער ניט געקאָנט ארויף; האָט דער קייסער געזאָגט, וואָס איז דאָס? האָט ר' יוחנן געזאָגט צום קייסער: זיי זיך ניט מצער, עס איז דיר אָנגעקומען א גוטע בשורה, איז דיין ביין פעט געוואָרען, אזוי ווי אין פסוק שטייט: (שמועה טובה) א גוטע בשורה מאכט פעט דעם ביין. זאָגט דער קייסער: וואָס זאָל איך טאָן, אז דער שיך זאָל ארויף? האָט ר' יוחנן געזאָגט: לאָז דורכגיין דורך דיר דיין פיינד, וועט דער ביין מאָגער ווערען, אזוי שטייט אין פסוק, ווען איינער זעהט א שונא פאר זיך דורכגיין, ווערט זיין-ביין מאָגער.

האָט דער קייסער אזוי געטאָן, איז איהם דער שיך ארויף. האָט דער קייסער צו אים געזאָגט, אז דו ביזסט אזוי קלוג, פארוואָס ביזסטו צו מיר פריער ניט גע־קומען? — האָט ר' יוחנן געענטפערט: איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז די שלעכטע לייט זיינען געווען א שטערונג, האָט דער קייסער געזאָגט, איך האָב דאָך דיר געזאָגט אז דו האָסט באדאַרפט צוברעכען דעם טויער, און אצינד וועל איך אוועקגיין און וועל איין אנדערען אויף מיין אָרט שיקען, נאָר בעט עפּעס פון מיר וועל איך דאָס טאָן פאר דיר. האָט ר' יוחנן צו איהם געזאָגט:

— גיב מיר די שטאָדט יבנה און די חכמים וואָס זיינען אין איהר, און זאָלסט זי ניט חרוב מאכען, זאָלסט אויך לאָזען לעבען די משפחה פון רבן גמליאל, ער שטאַמט פון דוד המלך, אויך פארלאַנג איך א דאָקטאָר צו היילען ר' צדוק, ביי איהם זיינען די געדערים איינגעשרימפּען געוואָרען פון פיל פאסטען, אז דער בית המקדש זאָל ניט חרוב ווערען.

ר׳ עקיבא קאָט געזאָגט: — אז אוי דאָ האָט גאָט ביי איהם זיין שכל צוגענומען זוייל ער האָט אויך באדארפט בעטען, אז ער זאָל אויף ירושלים קיין מלחמה ניט האַלטען, אָבער ר׳ יוחנן האָט זיך געטראַכט, ווען ער וועט צופיל בעטען וועט ער ברוגז ווערען און איהם גאָר ניט נאָכגעבען, איז בעסער צו בעטען ניט צופיל, כדי דאָס יאָ צו באקומען.

אספינוס האָט ניט געקאָנט פאַראויסזעהן, אז פון דער קליינער ישיבה וועט ארויסגעהן א ליכט וואָס וועט באשיינען דעם פינסטערען גלות, אריינבלאָזען א לעבענסגייסט אין כמעט אָפּפעשטאָרבענע מענשען, און אויפהאלטען דאָס אידענטום אויף טויזענטער יאָהרען.

דער שונא קאָן בא אונז אוועקנעמען אלעס, אלעס ווען ער וויל, אזוי ווי אין רוסלאנד האָט מען ביי אונז צוגענומען גוטס און האָב, אלעס וואָס מיר האָבען שווער און ביטער ערוואָרבען מיט אונזער פראַצע, מיט אונזער בלוט און שוויים און מיר האָבען אפילו א וואָרט ניט געטאָרט זאָגען, אָבער דאָס וואָס מיר האָבען פארפלאַנצט אין די הערצער פון אונזערע קינדער אין די חדרים, תלמוד־תורות, ישיבות, מדות טובות, רחמנות, בישנות, צניעות, — דאָס האָט קיין שונא אין דער וועלט ניט געקאָנט אוועקנעמען.

אָט דאָס האָט געוואָלט ר׳ יוחנן באשאפען א גייסטיגען בית המקדש דורך ישיבת דיבנא, האָט ער אויסגעבויט אויפן אָרט פון די פארברענטע מויערען, גייס־טיגע ווענט, ניט פון קיין שטיינער און ציגעל, ניט פון קיין מאטעריאל וואָס זאָל מורא האָבען פאר פייער און וואסער און אנדערע כחות, נור פאן דער פארבאָרגענער קראפט וואָס לעבט אייביג, און קיין שונא אין דער וועלט קאָן זיי ניט בייקומען.

ער האָט ערקלערט דעם אידישען פאָלק אז אָהן א בית המקדש קאָן שוין אויך דער בנין פון אמונה שטיין אויף א רעכטען יסוד, און אָהן קרבנות קאָנען זייערע תפלות אויך דערגרייכען די שערי שמים; ער האָט זיי געגעבען צו פארשטיין און געבראכט ראיות פון די הייליגע נביאים אז צדקה איז גרעסער פון א קרבן, און אז א געבראָכען הארץ, וואָס גיסט ארויס פון זיך א פראָסטע געבעט אָהן קינצען, איז אסך נאָהענטער צום רבונו של עולם ווי דער שענסטער גאָטעס דינסט מיט שפּיל און געזאנג.

און פון ישיבת דיבנה זיינען ארויסגעגאנגען די גרעסטע חכמים און סנהדרין, וועלכע האָבען זיך באזעצט אין יבנה, האָבען געפירט דאָס אידישע רעליגיעזע לעבען; פסק׳ענען שאלות, אויסגלייכען פארשידענע צדדים און צושיקען צו אלע אידישע קהלות שליחים וועגען קדוש החודש, און ימים טובים, און יבנה איז געוואָרען מיט דער צייט א נייער מיטעל־פונקט, וואָס האָט צו זיך געצויגען די הערצער פון אלע אידען. פון ישיבת דיבנה זיינען ארויסגעגאנגען עשרת הרוגי מלכות, אין די צייטען פון גזרת הדרינוס, וועלכער האָט געהייסען באשטראָפען מיטן טויט די אידען וואָס וועלען אָפּהיטען שבת, מל זיין די קינדער, לערנען תורה, דאוונען, לייגען תפלין, אָדער זאָגאר זיך האַלטען אין קלענערע מצות און מנהגים.

און אונזערע קדשים זיינען געגאנגען אין פייער און אין וואסער פאר אונזער הייליקער אמונה. רבי עקיבא איז געווען איבערצייגט, אז ווען אלע אידען זאָלען זיך פאר־

איינינגען, קאָנען זיי ליכט אראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון רוים. ער האָט אויך געווירקט אין דיזען זיך און האָט אָנגעזאַמעלט אן ארמיי פון אכט און פערציג טויזענט מאן און איז געגאנגען מיט זיי אָפּנעמען ארץ ישראל, אלם גענעראל האָט ער אויסגעקליבען שמעון בר כוכבא, וועלכער האָט געדינט אין דער רוימישער ארמיי און האָט אויסגעלערענט די רוימישע קריגס קונסט. און דער גרויסער העלד רבי עקיבא האָט אויך מקהיל קהלות געווען ברבים, געלערענט תורה אין די צייטען פון גזרת־אדרינוס און פאר דעם סרקו את בשרו במסרקות של ברזל וספוגין של צמר שמו על לבו — מען האָט געריסען זיין פלייש מיט אייזערנע קאמען און אָנגע־ווייקטע וואָהל האָט מען געלייגט אויף זיין הארצען און זיינע יסורים האָט ער אָנ־גענומען פאר ליב און רוהיג, נאָר מיט „שמע ישראל ד' אלקינו ד'אחד" אויף די ליפּען האָט ער אויסגעהויכט די כשרה נשמה.

אזוי האָט אויך חנינא בן תרדיון מקבל געווען באהבה זיין גרויסען עונש. נאָך שרעקליכער האָט מען געטאָן מיט דעם תנא רבי חוצפית המתורגמן, מען האָט ביי איהם אויסגעשניטען די צונג און אוועקגעוואָרפען פאר די הינט. ער דער לעצ־טער פון די צעהן קדשים. וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פארן אידישען פאָלק און תורה, און וואָס זייער זכר איז געבליבען הייליג ביים פאָלק מיט דעם נאָמען: „עשרה הרוגי מלכות".

אין דעם וועג פון רבי יוחנן בן זכאי זיינען די רוסישע אידען געגאנגען פילע יאָהרען ביז דער רעוואָלוציע. אומעטום געגרינדעט חדרים, תלמוד־תורות, ישיבות, געזייט אין די הערצער פון די קינדער: רחמנות, בישנות, צניעות און אלע מדות טובות. בא אונז אין רולאנד איז קיינמאָל ניט געשטאנען די פראגע „מה יש לך בבית?" (מלכים ד') בעת א פרוי פון א יונגען נביא האָט זיך באקלאגט פאר הנביא אלישעון (אזוי צו זאָגען: דיין קנעכט מיין מאן איז געשטאָרבען, דו ווייסט דאָך אז ער איז געווען א פרומער), און איצט איז דער מאָהנער געקומען צונעמען מיינע צוויי קינדער פאר קנעכט. — פרעגט איהר אלישע.

— מה יש לך בבית? וואָס פארמאָגסטו אין הויז? האָסטו עפּעס א סדור, סופר, תפלין, וואָס לייגען דיינע קינדער, פארמאָגסטו חאָטש א פּאָר לייכטער אין וועלכע דו בענשט ליכט? מה יש לך בבית? חאָטש א מזוזה?

—זי האָט געענטפערט:

— איך האָב קיין זאך ניט אין הויז, אויסער א קריגעל בוימל, איך היט אָפּ נור דעם יאָהרצייט פון מיינע עלטערען.

זאָגט ער צו אהר: ווי באלד דו האָסט נאָך א פונק אידישקייט אין זיך, און היטסט אָפּ דעם יאָהרצייט פון דיינע עלטערען, וועל איך דיר געבען די ברכה כלים ריקים אל תמעיטי,ליידיגע כלים ניט פארמינערען, און דו וועסט ווערען רייך.

אָט די פראגע „מה יש לך בבית?" איז בא אונז אין רוסלאנד ניט געווען. עס איז געווען בא אונז ביז דער רעוואָלוציע, ווי די גמרא זאָגט אין שבת: נר דלוק, השלחן ערוך, מטתו מוצעת — נר איז א ליכט און נר איז תורה, אין רוסלאנד איז געווען יעדער הויז א בית של תורה, און מען האָט אויך געבענטשט ליכט בא אונז ערב שבת, אין רוסלאנד איז געווען השלחן ערוך — כשרות, עס איז קיין מאָל ניט

געוועז א ספק טאָמער איז ח״וש טריפה, עס איז געוועזן מטהו מוצעת — דער ריינער פאמיליען לעבען.

דאָס זיינען די דריי זיילען אויף וואָס עס באשטייט דאָס גאנצע אידענטום.

אין רוסלאנד האָט מען אויף איטליכען טריט געגרינדעט ישיבות, חדרים, תלמוד־תורות — ישיבת דמיר האָט באוואונדערט די וועלט מיט איהר לערע עד היום הזה.

און איך ענדיג מיט דברי חז״ל (בבא בתרא) רבי בנימין הצדיק היה ממונה על קופת הצדקה, פעם אחת באה אשה לפניו בשנת בצרת ואמרה לפניו רבי פרנסני אמר לה אין בקופת צדקה כלום, אמרה לו אם אין אתה מפרנסני אני ושבעת בני נמות ברעב, עמד ופרנסה משלו, לסוף חלה ונטה למות, באו מלכי השרת לפני הקדוש ברוך הא ואמרו לפניו — רבונו של עולם, בנימין הצדיק אשר החיה אשה ושבעת בניה ימות בימי עלוממיו, הוסיפו לו על שנותיו עשרים ושתים שנה.

בנימין הצדיק איז געוועזן אויפגענומען אויף קופת הצדקה, איז אמאָל געקומען צו איהם א פרוי און האָט געזאָגט, רבי גיב מיר עסען, זאָגט ער צו איהר, עס איז ניטאָ אין קופת הצדקה גאָרנישט; זאָגט זי צו איהם ווען דו וועסט מיר ניט געבען וועל איך מיט מיינע זיבען קינדער שטארבען פון הונגער.

האָט ער געזעהן אז דאָס איז סכנת נפשות, האָט ער איהר געגעבען פון זיינע. אין א שטיקעל צייט ארום איז בנימין הצדיק קראנק געוואָרען, זיינען געקומען די מלאכי השרת און האָבען גע׳טענה׳ט פארן רבונו של עולם: בנימין הצדיק וואָס האָט געראטעוועט פון הונגער א פרוי מיט זיבען קינדער, זאָל שטארבען אזוי יונג?״ האָט מען צוריסען זיין גזר־דין און גאָט האָט איהם געגעבען נאָך 22 יאָהר לעבען.

פרעגט ר׳ יונתן פרעגער זצ״ל, ווארום האָט מען איהם געגעבען צוויי און צוואנציג יאָהרגלייך, זאָגט ער אז דער חשבון איז א ריכטיקער:

א אשה שוטה אז זי האָט געזינדיגט און אויב זי האָט א זכות, איז די מים המאררים ווירקט אויף איהר ניט די ערשטע דריי חדשים, זיי הויבען אָן ווירקען נאָך די דריי חדשים, ווארום דער זכות אז מגין אויף איהר; די גמרא זאָגט אונז אין בבא בתרא: „הנותן צדקה מתברך בשש, אז איינער גיט צדקה, ווערט ער גע־בענשט מיט זעקס ברכות והמפיסו ב״יא ברכות און ווען ער בעט איהם איבער, דאָס הייסט ער נעמט איהם פיין אויף און גיט איהם צדקה בסבר פנים יפות, דאן ווערט ער געבענשט פון נאָט מיט עלף ברכות. און פאר איטליכען זכות — פאר איטליכער ברכה האָט מען דריי חדשים לעבען, און המפיסו איז 33 חדשים לעבען, און ר׳ בנימין הצדיק איז דאָך דאָ געוועזן המפיסו, ער האָט אכט נפשות געהאָדעוועט מיט כבוד, פאר דעם האָט ער געהאט דריי און דרייסיג מאל אכט חדשים לעבען — צוויי הונדערט מיט פיער און זעכציג חדשים, דאָס איז ריכטיג צוויי און צוואנציג יאָהר לעבען.

מורי ורבותי,

בנימין הצדיק האָט געראטעוועט פון הונגער אכט נפשות, אייך שטייט איצט פאָר צו רעטען 400 נפשות — תלמידי חכמים העוסקים בתורה יומם ולילה בישיבת

דמיר הק׳ — וועט דאך אייך גאט אודאי בענטשען מיט אריכת ימים ושנים ביז הונדערט מיט צוואנציג יאהר עושר כבוד וחיים. (אפיל)

דרוש לתשעה באב

(א רעדע וואס איך האב געהאלטען א שבת פאר תשעה באב אין ליבאוויצער שוהל אין טאראנטא).

אלע נביאים האבען נביאות געזאגט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערען, נור זיי האבען מיט זייערע אויגען ניט צוגעזען די גסיסה פון דעם פאלק אחוץ דער מקונן ירמיהו הנביא וואס זאגט אין היינטיקער הפטרה:

„ואנכי נטעתיך שורק כלה זרע אמת ואיך נהפכת לי סורי הגפן נכריה״ — און איך האב דיך געפלאנצט אלס א צווייג פון גאנץ ריכטיגע זוימען, און ווי אזוי ביזסטו מיר פארקערט געווארען צו ווילדע צווייגען פון א פרעמדען וויינשטאק.

איך האב דיר געפלאנצט אן עבודה זרה, אן גלוי עריות, אן שפיכות דמים, אן מחלקת־קריגערייי, צאנקערייי, האס און שנאת חנם, פרוד לבבות ופרוד הדעות — איך האב דיך געפלאנצט אלס צווייג פון גאנץ ריכטיקע זוימען און דו האסט גענגע־בען ווילדע צווייגען.

און פאר זיין מוסר־מאראל איז ער אכט מאל אין געפיינגעניש געווארפען געווארען און דארט האט ער געליטען הונגער און דורשט, און דורך דעם קעניג צדקיהו׳ס גנאדע האט מען אים דערלאנגט ברויט מיט וואסער.

און ווען ער איז באפרייט געווארען, האט מען געריסען קברים און תפלה גע־טאן, געבעטען רחמים אז דער אומגליק זאל נישט קומען, נור גאט האט איהם גע־ענטפערט: „אם יעמד משה ושמואל לפני אין נפשי אל העם הזה״.

— ווען משה מיט שמואל׳ן, די גרעסטע לייט פון אידישען פאלק וועלען בעטען וועל איך אויך ניט צוהערען. דאן לויפט דער נביא צו זיין פאלק, פראפאגאנדירט צו שלום מאכען מיט די כשדים, נור פאר זיין ראט — טיעף אין א ליים־זומפ האט מען איהם איינגעזונקען, אז די פריינט האבען איהם ארויסגעצויגען פון דארט מיט שטריק, און מען האט געמוזט אונטער זיינע ארעמס ארונטער לייגען לומפען און אלטע קליידער אום זיינע הענט זאלען זיך ניט אפרייסען פון זיין קערפער, ארויס־ציהענדיג איהם.

און מיט זיינע אויגען האט ער געזען דעם חרבן ירושלים — נבוכדנצר האט געקוילעט פארן פאטער, המלך צדקיהו, זיינע קינדער און דער נאך צדקיהו׳ס אויגען אויסגעשטאכען און איהם אוועקגעפירט, געשמידט אין קייטען, קיין רבלה.

און ירמיהו האט צוגעזען ווי די בעסטע קינדער פון יהודה האט מען גע־שמידט אין קייטען און אוועקגעפירט אין פינסטערען גלות, וואו מען האט זיי אויס־געשטעלט אין די אמפיטעאטערם פאר די לייבען, וועלכע האבען זיי צעריסען.

אויך תשעה באב איז פאַרגעקומען חרבן בית־שני, וואו טיטוס הרשע האָט געשמידט אין קייטען די בעסטע קינדער פון יהודה און מען האָט זיי אָנגעטאָן העמדלאַך מיט סמאָלע אויפן הארצען און צוגעבונדען צו די סטאָלבעס און אונטער־געצונדען אנשטאט פאַנארען צו באלייכטען די גערטנער, וואו עס קומט פאָר שענדלי־כע אָרגיעס פון די ווילדע רוימער.

אין דעם זעלבען טאָג, 75 יאָהר נאָכן חרבן בית שני, איז דער אידישער גרוי־סער העלד „בר כבבא" געפאַלען אונטער אנדרינוס'ס שווערד צוזאַמען מיט רבי עקיבא מיט זיינע טויזענטער תלמידים, וועלכע האָבען געקעמפט פאַר דער פריי־הייט פאַר זייער פאָלק און לאַנד.

און אין 9־טען טאָג אָב אויך אין דעם יאָהר רנ"ב, איז פאָרגעקומען גרוש שפאניע, וואו אידען האָבען זיך געהאט איינגעלעבט גוט, פארלאָזען גוטס און האָב ווארום די מלוכה האָט גאָר נישט ערלויבט מיטצונעמען און גענומען דעם מקל נודדים מיט דער טאָרבע אויף די פלייצעס און אוועק געוואנדערט אין פינסטערען גלות, לדבר, לחרב ולרעב.

אויך די שרעקליכע פאָגראָמען אין אוקראַינע זיינען פאָרגעקומען אום תשעה באב, „מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי"
— דאָס מיינט: אָ גאָט, גיב מיר אז מיין מיין קאָפ זאָל זיין א פאָנטאַן מיט וואסער און מיינע אויגען ווי צוויי קוואלען, דאן וואָלט איך באוויינט די דערשלאָגענע פון מיין פאָלק. טנגיינלאָ

פרעגט זיך א פראַגע, ווארום האָט זיך גאָט'ס כעס אזוי געגאָסען אויף דעם אידישען פאָלק? איז דערויף דאָ א משל:

— אמאָל איז געווען בא א מלך א גרויסער פידל־שפילער וואָס האָט געהאט א גרויסען טאלאנט און איבעראַשט די וועלט מיט זיין שפילען; דער קינג האָט אים פאַר זיין שפילען רייך געמאַכט און אויך באריהמט. האָט זיך געטראָפען אז דער פידל־שפילער האָט דער'הרג'עט א מענשען און דער קינג האָט איהם פארגעבען, ער האָט אויך א צווייטען מאָל באגאנגען אזא פארברעכען און דער קינג האָט אים ווידער פארגעבען.

איינמאָל איז ער געפלויגען שנעל ווי א בליץ אויף זיין קאר און די קאר איז ארויפגעשפרונגען אויף א סטאָלב און צעשמעטערט געוואָרען, און דער פידל־שפילער האָט זיך צעבראָכען זיין האנט. מען האָט דעם פידעל שפילער געבראַכט פארן קינג זאָגט דער קינג: „איצט זאָל מען אים טויטען".

— סטייטש, זאָגען די ארומיקע שרים, בעת ער האָט געטויט צוויי מענשען האָסטו איהם פארגעבען, און איצט אז ער האָט זיך צעבראָכען זיין האנט הייסטו איהם טויטען?

ענטפערט דער קינג:

בעת ער איז געווען מיט ביידע הענט און ער האָט געקענט שפילען, האָב איך איהם פארגעבען פאַר זיין וואונדערליכען טאלאנט, איצט אז די פידל איז שטום האָב איך זיך דערמאַנט אין זיינע פארברעכען וואָס ער איז באגאנגען און איך באשטראָף איהם איצט פאַר זיינע זינד.

— דאָס זאָגען חז"ל: ותר הקדוש ברוך הוא על עבודה זרה, על גלוי עריות, על שפיכות דמים ולא ותר על בטול תורה".

— גאָט האָט מוחל געווען פאר עבודה זרה, פאר גלוי עריות און פאר שפיכות דמים אָבער ער האָט ניט מוחל געווען פאר בטול תורה — וואָס אין די ישיבות הערט זיך ניט הקול קול יעקב, ווארום איבער דעם מאנגעל פון געלט ווערען די ישיבות פארשלאָסען און דוד'ס פידעלע בלייבט שטיל — כנור הוה תלוי למעלה במטתו של דוד וכו" (ברכות דף ג'), אז דוד המלך האָט באדארפט געהן שלאָפען, האָט ער גענומען דעם כנור און אָפגעשפילט מיט „רוח הקדש" „שירות ותשבחות להקב"ה" און געטראכט אז ער וועט אויפשטיין האלבע נאכט צו דאנקען השי"ת אום ער זאָל קאָנען מתעסק זיין בדברי קדושה, דארום „כיון שהגיע חצות לילה". ווי עס איז געקומען האלבע נאכט „רוח צפונית", דער באהאלטענער „רוח הקדושה" האָט אין איהם, אין זיין קערפער ארייגעבלאָזען „ומנגן מאליו, און עס האָט אָנגעפאנגען באלד שפילען אין איהם. דאָס הייסט די הייליגע נגונים פון זיין פידעלע, וואָס ער האָט געשפילט פאר זיין שלאָף.

און אז דאָס פידעלע בלייבט שטיל און איבער אונזער נאכלעסינקייט פון ניט שטיצען די ישיבות, ווערען זיי פארשלאָסען אין פוילען און דאָס קול פון דעם פידעלע הערט זיך מעהר ניט — הקול קול יעקב איננו נשמע עוד בבתי המדרש איז דאן גאָט ניט מוחל.

אלזאָ, ברידער, דארפען מיר זעהן צו געבען צדקה און אויפהאלטען די ישיבות כי גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה כי קרבה ישועתו לבוא וצדקתו להגלות.

היד ד' תקצר

(מעשה) מאת אליהו הוטנער

לוי גולדמאן היה איש מוצלח. הוא בא לארצות הברית אך במקלו ובתרמילו והיום הוא עשיר גדול.

לראשונה היה סובב והולך מכפר לכפר וילקוטו על שכמו, בו היו מיני סחורות שונות, תכשיטי נשים, וצעצועי ילדים הנמכרים בזול. אחר כן באספו סכום הגון התישב בעיר גדולה, פתח חנות וההצלחה האירה לו פנים, מסחרו הלך וגדל.

מעט מעט החל לקנות בתים בזול ולמכרם ביוקר, קנה מניות והן עלו במחיריהן ורכושו גדל. אחר חמש עשרה שנה של מסחר, החליט בדעתו לעזב את כל המסחרים ולחיות מהרבית מרכושו הגדול. וכן עשה.

אז חשב בי הוא עשיר־עולמי, אין שום כח בעולם שיכל לעשות אותו לעני, גם הבורא בעצמו איננו יכל לעשות זאת, הוא לא ימות ברעב בשום אופן.

ופעם אחת ירד אל המררתף שלו, שם עמד ארגז?הצימנטי, מובטח מאש, ובו היו מונחים כל המניות, השטרות וכסף־המזומן. ישב על כסא רך, מתחת לרגליו מרבד פרסייקר, סיגרה יקרה בין שיניו, ולפניו, על השולחן צבורים קופות של מטבעות

זהב וגלי שטרות בני אלף שקל.

הוא כלה את מלאכתו וחפץ לצאת משם, אך לא יכל, כי בבאו דפק את הדלת בחזקה, והמנעול נסתם מאליו. חפץ להוציא את המפתח מצלחתו. ובאשר ראה כי הדלת סגורה, אז הבין ששכח את המפתח מאחרי הדלת, חשב בודאי יעבר המשרת שלו ויראה את המפתח תחוב ואז יפתח את הדלת. אך עברה שעה אחת, שתי שעות ועדין לא נפתחה, הדלת, החל לקרא בקול רם ואחרי כן לצעק, אך אין קול ואין עונה ואז הבין כי אצבע אלקים זה. עברו יום, יומים, והדלת הכבדה של ברזל לא נפתחה.

בין כך הרעב הציק אותו וימרט את שערות ראשו וצעק צעקה גדולה ומרה, בעט ברגליו והכה בידיו ובראשו בדלת עד זב דם, אך אין שומע...

אז הבין שימות מרעב, כי כך נגזרה מן השמים, יען כי כחש בכח הבורא. וכאשר נעשה כמו שלד, אז כתב על דלת חדרו: לוי העשיר מת מרעב, כי כחש בגבורתו של הקדוש ברוך הוא" ובודוי הזה הוא מת.

בני ביתו חפשו את לוי ולא מצאוהו זמן רב, אך פעם אחת עבר העבד לפני דלת המרתף וראה כי המפתח תחוב בדלת, נכנס, והנה אדונו שוכב מת על המרבד הפרסי.

בכבוד גדול הובל לקברות ועל המצבה היו הרותות המלים אשר כתב על הדלת לפני מותו. (תם)

המלך והמרבד

(מעשה) מאת אליהו הוטנער

ויהי מלך רוק אחד אשר אהב את הדר הטבע ותמיד בלה את זמנו ביערים בשדות ובעמקים.

פעם אחת יצא לצוד ציד ביער העב תעה ולא ידע את הדרך לצאת. והנה פתאם שמע קול יפה מצלצל בין סבכי עצי היער. הוא הלך אחרי הקול ויצא מן היער אל השדה והנה לפניו בית רועה קטן מלא צמר ופשתים ובו יושבת עלמה יפה כשמש — רוקמת מרבדים ומרננת.

עיף ויגע נכנס המלך אל האהל וברך אותה. היא התאדמה מעט וקבלה אותו בסבר פנים יפות ותאכילהו ותשקהו. המלך לא יכל להסב את עיניו ממנה וספר לה את הקורות אותו ביער וגם הוסיף כי הוא המלך בכבודו ובעצמו. אך היא לא שמה לב לזה. ומאת היום והלאה הוא בקר את בת הרעה היפיפיה והציע לפניה להיות לו לאשה. אז היא ענתה:

— אהב את המלאכה ולמד מלאכת מדברים אצלי ותהיה בעל־מלאכה, ובתנאי הזה אהיה לך לאשה, ובאפן אחר אי אפשר.

— אוהב אנכי את ההפש והדרור, הוא ענה— ורגיל אנכי ללכת בטל ובבל זאת אנכי מסכים על זה מפני אהבתי אליך.

המלך ישב ועבד, טוה ותפר ובמשך הימים נעשה רוקם נפלא. ואחרי כן היתה לו לאשה.

עברו שנים אחדות בשלוה, והמלך התגעגע על חופשתו. ופעם אחת המלך הסיר את בגדי השרד ולבש בגדים פשוטים ויצא לטייל. סבב בחוצות העיר זמן רב ואחרי כן חש האבון גדול לאכילה וראה שלט נכתב באותיות מוזהבות: 'אכסניה לאורחים" אז עלתה מחשבת בלבו להכנס שמה. המלך נכנס והנה מזונה (שלחן־ערוך) לפניו. בראש השלחן עומד איש שמן בעל קומה ממוצעת ועיניו השחורות בוערות כאש; לבוש הוא בבגדים לבנים והסכין בידו ובו מראה אל המלך על מיני מאכלים הנמצאים שמה. ובו ברגע כאשר המלך התקרב לברר אכל החיש כי תחת רגליו מכונה והוא הכביד בגופו עליה ויורד מטה מטה אל מרתף — טחב צר ואפל... המלך צעק אך לשוא הוא נשאר במרתף. והנה הוא רואה עוד אנשים כמו שלדים עומדים לפניו ולבו מת בקרבו, ותיכף ומיד נכנס דרך הדלת, האיש בעל־בשר וחניתו הבריק לפניהם והוא משך אותם אחת הנה ואחת הנה והודיעם כי בקרב יבוא קצם ויעשה מהם מטעמים בעד האורחים כי בשר האדם יותר מתוק מבשר הבהמה והרבה קופצים עליו ובזול הוא משיג אנשים. ותיכף ומיד הוא נגש אל המלך וחפץ לדקרו, המלך ראה כי כלתה אליו הרעה מאת הגזלן אז התנפל לפני רגליו ויבך ויתחנן לו:

— תן לי נפשי בחיים, ואנכי אעשירך ואעשה בעדך מרבדים יקירי הערך ותמכר בחצר המלך בעד זהב רב.

הגזלן ענה:

— אתן לך שלשה ימים על המלאכה הזאת ואם אקבל זהב רב אז נפשך תהיה לך לשלל.

המלך טוה תפר והזיע ובמשך ימים אחדים נגמר מרבד גדול ויפה. תיכף ומיד נשא אותו המשרת אל חדר המלכות, ובארמון המלך היתה מהומה גדולה, חפשו את המלך ועקבותיו לא נודעו והמלכה אבדה עצות...

וכאשר בא הנער המשרת והציע לפניו המלכה מרבד משי, אז תיכף ומיד הבריק רעיון במוחה כי זה דבר לא פשוט היא לא קנתה את המרבד, אך שלחה תיכף ומיד מרגלים אחרי הנער המשרת לדעת מקום בואו. השוטרים סבבו את האכסניה מכל עבריה וחדרו לתוך החדרים ומצאו את הגזלן עומד על קרבנו והרמח בידו... חיש התנפלו השוטרים על הגזלן ויאסרהו בנחשתים והמלך נצל.

ובשעת הפנויות בעת שיחת מרעים אודות ימים שעברו היה אומר:

— מאשרים ההורים המלמדים בניהם מלאכה, כי אמנות מצלת ממות ומרעב.

הדיג הזהב

מאת אליהו הוטנער

הדיג הזקן סטעפאן הלך לצוד דגים אצל הים, פרש מכמרת על פני הים ולא צד אף דג אחד: כך חזר פעמים אחדות ולא עלתה בידו לצוד. לסוף והנה האח! נאחז ברשת „דג־זהב" ומפרפר ומכה בסנפיריו הזהובות. ומה התפלא הזקן כאשר

הדג פתח את פיו והחל לדבר בלשון בני־אדם:

— חוס, נא, זקן, רחם נא עלי זרק אותי המימה ואתן לך פדיון גדול בעד נפשי כל מה שלבך מתאוה. ענה הזקן:

— אנכי דיגתי שלשים ושלש שנים ולא שמעתי מעולם כי הדג ידבר. מסכים אנכי לזרק אותך המימה בלא שום מחיר ותשוט בהרוחה בים אל כל מקום אשר ישאף רוחך.

כאשר אמר כן עשה.

בא הזקן הביתה וספר לאשתו הפלא אשר נקרה לו.

אמרה לו אשתו:

— מדוע לא בקשת כלום. גם סל לא בקשת, הלא סלנו טלאי על גב טלאי.

הלך הזקן אל הים לבקש את הדג והציע לפניו את בקשת אשתו.

— אל תצטער, ענה הדג, לך הביתה ויהיה לך סל חדש.

ומה גדלה שמחתו כאשר בא הביתה ומצא סל חדש. עברו ימים אחדים ואשתו הציקתהו בדברים.

— בקש מהדג לא יכלת לדרש בית?

הזקן הלך אל הים אשר הולך וסוער. הדג התקרב ושמע בקשת הזקן והבטיח לתת לו בית. בא הביתה ומצא בית חדש.

אחרי כן תשוקת אשתו התלקחה והתגברה עוד יותר. החלה לתבע ממנו עוד דברים יותר גדולים, למשל: ארמון גדול, עבדים ועשירות ועוד...

כפוף הלך הזקן אל הים ההומה ורועש. הדג התקרב אל שפת ים ושמע את קול הזקן העצום אשר התאונן על אשתו. הדג ענה:

— לך הביתה גם בפעם הזאת אמלא את בקשתך. בבאו הביתה מצא ארמון נהדר לפניו ואשתו יושבת על כסא רם, מקושטת בבגדים יפים ומזהבים, ועבדים משמשים אותה.

— עתה, נשמתי, את שובעת רצון?

כעסה עליו הזקנה וצותה לגרש אותו מהבית. עברו ימים אחדים ותשלח לקרא את הזקן ואמרה לו, כי ילך תיכף ומיד אל הים וידרש מהדג להמליך אותה על הים ועל היבשה והדג בעצמו ישרת אותה. הזקן אנוס היה ללכת ולמלא בקשת אשתו. נגש אל הים אשר הולך וסוער. שמע הדג את קול הזקן והתקרב אל שפת הים. הזקן שפך את לבו לפני הדג וספר לו את בקשת אשתו הארורה.

הדג לא ענה כלום לזקן, הכה במים בזנבו הזהב ונעלם בין גלי הים.

שב הזקן הביתה ומה השתומם בראותו לפניו, במקום הארמון הנהדר — את ביתו הישן הנמוך והרעוע, אשר חלונותיו מגיעים אל הקרקע. ואשתו לבושה בבגדיה הישנים המטולאים ובוכה על שברה ועל מר גורלה ועל הצלחתה אשר נאבדנה ממנה.

גולל החוזר בעולם

מאת אליהו הוטנער

ראובן היה עשיר גדול. החנות שלו היתה הכי גדולה בעיר מגורו. ולו היה משרת ושמו שמעון.

באו ימים וראובן העני, נאלץ היה לפשט את הרגל, ונושיו מכרו את רכושו בפומבי

מובן מאלין כי שמעון המשרת אבד את משרתו. פעמים רבות התאונן לפני אשתו על קשי־גורלו, אך היא אמצה את לבבו ותנחמהו. שמעון שמע לקולה, פתח לו חנות קטנה וההצלחה האירה לו פנים.

פעם אחת עבר ראובן לפני חנותי של שמעון, ובראותו כי היא מלאה סחורה, עלתה מחשבה בלבו לבקש לו משרה אצל מי שהיה משרתו. נכנס והציע לפני שמעון, והאחרון הסכים לזה, ויקצב את משכרתו.

ראובן עבד בזריזות ובחריצות, והפיק רצון מבעל הבית שלו. ובהגיע ימי השוק בניזני־נאוואגאראד, ושמעון עמס את סחורתו בעגלות להובילם שמה, אמר אל משרתו: אני הנני שבע רצון מעבודתך, וחפץ אני להביא לך מתנה בחזירתי, מה אביא בעדך?

— את אחפץ הראשון אשר תראה לראשונה — ענה ראובן.

— כדבריך אעשה — ענה שמעון. ובחזירתו הביא כדורים אחדים אשר שלם בעדם חמש אגורות. ראובן הודה לו על זה, ויעבד בשקידה כבראשונה כל השנה.

בשנה השנית, בבוא המועד הזה שאל אותו שמעון את השאלה הזאת והוא השיב: כדאשתקד — את הדבר אשר תראה לראשונה, ובחזירתו הביא שני חלילים במחיר שתי אגורות. ראובן הודה לו כמו בפעם הראשונה, ויעבד עוד שנה.

בפעם השלישית פגש לראשונה בסוחר ומנורת זהב בידו. מאד חס שמעון על החמש מאות שקלים שהלז בקש, אבל החוזה היה ביניהם לקנות את החפץ הראשון ושמעון היה איש ישר לכן שלם אם מחירה ויביא אותה לראובן. ראובן קבל את המתנה ותיכף הודיע לו כי מתפטר ממשרתו.

— מדוע? — שאל שמעון בתמיה — כאשר הבאתי לך דברים קלי ערך היית שבע רצון, ועתה אחר מתנה חשובה כזו הנך מתפטר?

על זה ענה ראובן:

— בשאלתי נסיתי את מזלי, וכאשר פגשת בדברים קלי הערך, ידעתי כי גלגל־מזלי עוד לא עלה. עתה אני יודע כי מזלי עולה, וחפץ אני לבקש לי מעמד בחיים לעצמי.

וכן היה: פתח לו חנות, ומזלו גרם שעלה מעלה מעלה והיה לעשיר גדול בעל נכסים רבים.

ובשעות הפנויות בעת מרעים שיחת אודות ימים שעברו, היה אומר: מזל זה הוא גלגל החוזר בעולם, פעם עולה ופעם יורד.